STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08644

A REGE GLIK

Moishe Melamed

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מלמד

א רגע גליק

ארויסגעגעבען פון פארלאג
„אייגענס“
פילאדעלפיא 1924

Copyright, 1924
by
M. MELAMED

MID-CITY PRESS
20
8th & Locust Sts., Phila.

דעם ליכטיגען אנדענק
פון דער פּיעל־גאַליטשענער
און יונג־פאַרשטאָרבענער לאה,
און, איהר צו לאַנגע יאָהר,
דער געטרייער אסנת
(מרים),
וואָס פילט מיט ליבע און
אונזער היים,
איז דאָס בוך געווידמעט.

צייכנונג — פון אלעקסאנדער פּאַרטנאָוו.

האלצשניטען — פון באַריס בליי.



[illegible]

[illegible]

קאפיטעל איינס

— פאפא, פאפא, א גאסט איז געקומען!

דאס האט געשריען די קליינע עטעלע, לויפענדיג אויף דער שמאלער סטעזשקע, וואס האט געפירט צום גרינעם האלב אויפגעאקערטען פעלד.

עטעלע איז געווען אפשר זיבען יאהר אלט. זי איז געווען קליין און חנ׳עוודיג, מיט א רונד, לויטער פנימעל, און מיט בלאנדע, געקרויזטע לאקען, וואס האבען זיך געפלאנטערט איבער איהרע אקסלען.

זי איז געלאפען א פארסאפעטע, און האט מיט בלויע אויגלעך געקוקט איבער דער ברייט און איבער דער לענג פון׳ם פעלד, זוכענדיג דעם פאטער. די זון האט איהר געשיינט אין פנים, האט זי זיך מיט דער האנט געמאכט א דעכעלע איבער די אויגען, אז זי זאל בעסער קענען זעהן.

העכער, ארויף־צו צום בארג, האט זי דערזעהן צוויי

גרויסע פערד, געשפאנט אין אקער, און הינטער זיי, מיט די לייצעס פארוואַרפען אויפן האַלז, און מיט אביסל אן איינגעבויגענער פלייצע, איז נאכגעגאנגען דער פאטער.

דערהערענדיג דעם קינד'ס קול, האט ער זיך אפגע־שטעלט וואַרטען ביז זי וועט צוקומען צו איהם. ער האט ארויסגעשלעפט פון דער הינטערשטער קעשענע א רויטע פאטשיילע און האט זיך אפגעווישט דעם שטערען. די פערד האבען דערווייל טיעף אפגעאטהעמט. א לייכטער, שוויי־סיגער גלאַנץ האָט באדעקט זייער פעל, און פון די מיילער האָט ביי זיי ארויסגערונען א ווייסער שוים. ס'איז געווען פריהלינג־צייט. די צייט פון שווערע ארבייט אויפ'ן פעלד. און דער טאג איז געווען א הייסער.

— איז ווער, זאגסטו, געקומען?

עטעלע האָט אנגעכאפט דעם פאטער ביי דער האנט און האָט איהם געשלעפט מיט זיך.

— קום אהיים — האָט זי געזאגט.

— אבער ווער איז געקומען? — האָט ער געפרעגט און האָט זי געגלעט איבער'ן בלאָנדען קעפעל.

עטעלע האט געלאכט. זי האט צוגעלעגט א פינגערל צום מויל:

— ניט זאגען.

דער פאטער האָט געוואוסט ווער דער גאסט איז, נאר איהם איז געפעלען דער שפאס, צו מאכען זיך אז ער ווייסט ניט. האָט ער זי ווידער געבעטען:

— זאג־זשע.

דאָס קינד האָט געקוקט אויפ'ן פאטער מיט בליש־טשענדיגע אויגלעך, נאר דעם סוד אויסזאגען האָט זי ניט געוואלט.

האט דער פאטער קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי געהן מיט איהר אהיים.

די זון האט שוין אנגעהויבען זיך ארונטערלאזען צו די מערב־בערג, און דאס גרויסע, רויט־גליהענדיגע פייער־אויג האט שוין ניט געברענט אזוי ווי פריהער. די בערג האבען געווארפען פון זיך ריזיג־לאנגע שאטענס, וואס האבען זיך געשפרייט איבער'ן פעלד, וואס איז געלעגען מיט אן אויפגעעפענטער, ערשט־צעאקערטער אויבערפלאך קעגען דעם טיף־בלויען הימעל.

איינער פון די צוויי פערד, דער גרויער, וואס איז געווען געשפאנט לינקס, האט אויסגעדרעהט דעם קאפ אויף צוריק, אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן וואס דער פארמער האט בדעה צו טאן : ווידער אקערען, אדער אויסשפאנען. דער פארמער האט פארשטאנען דעם קוק, און גלעטענדיג דעם פערד איבער דער גריווע, האט ער גערעדט צו איהם :

—מיר געהען אהיים, דיק.

ער האט אפגעטשעפעט די רימענס, פארווארפען די לייצעס די פערד אויף די רוקענס, און זיי געלאזט געהן. נשקשה, זיי וועלען שוין אליין טרעפען צו דער שטאל.

און אליין איז ער מיט'ן קינד אוועק איבער'ן געאקערטען פעלד אהיים.

אין שטוב איז געווען טומעלדיג, ווי געוועהנליך ווען א גאסט קומט צו פארען. דער גאסט, א הויכע מיידעל מיט גאלד־בלאנדע האר און גרויע אויגען, האט געעפענט איהרע רענצלעך, געטיילט מתנות, וואס זי האט געבראכט פאר די קינדער, און האט אין דערזעלבער צייט גערעדט שנעל און גיך, דערציילענדיג נייעסען פון דער גרויסער שטאדט

און אפגעבענדיג גרוסען פון ווייטע און פון נאהענטע באַ־
קאנטע.

אסנת, דעם פארמער׳ס ווייב, איז די גאנצע צייט
געשטאנען לעבען דעם גאסט, האָט איהר ליבליך געקוקט
אין די אויגען, געקושט זי און געגלעט, און ניט אויפגעהערט
צו פרעגען זי וועגען איהר געזונט:

— און אין זייט שטעכט אמאָל? — האָט זי געפרעגט.

לאה האט געלאכט. ווער האט עס אין שטאדט צייט
צו צוהערען זיך צו אזעלכע זאכען? נו אודאי ניט אמאל א
שטאך. שוין צוגעוואוינט דערצו.

— אפשר וועט די בארג־לופט מיך געזונט מאכען —
האָט זי צוגעלעגט מיט א געלעכטער.

זי איז אלע מאל געווען א שוואכע, און אפטמאל פלעגט
איהר אנכאפען א שטעכעניש אין זייט, און א שטיקענדער
הוסט פלעגט זי באפאלען. זי איז געווען א בלייכע, האט
געהאט ווענינ בלוט, און איהרע לונגען זיינען אויך ניט גע־
ווען זעהר שטארק. אפטמאל פלעגט זי זיך אוועקלעגען אין
בעט אויף עטליכע טעג, און איהרע פריינט זיינען געווען
זעהר באזארגט. לאה אליין האט אבער געלאכט פון דעם,
און פלעגט כסדר שרייען אז זי איז געזונט ווי א ריעז.

— וועסט ביי אונז טרינקען א סך מילך און עסען
פרישע אייער — האָט אסנת ניט אויפגעהערט צו רעדען
איבער איהר.

מיט אסנת׳עס מאן, מיט לייבע׳ן, האָט זיך לאה ניט
געפיהלט אזוי היימיש. זי האט איהם ניט אזוי נאהענט
געקענט. פונדעסטוועגען, אזוי גיך ווי ער איז נאר אריינ־
געקומען אין הויז, איז זי איהם אנטקעגנען געלאפען מיט א
פרעהליכען אויסגעשריי, האָט איהם ארומגעכאפט און זיך

צעקושט מיט איהם:

— וואס מאכסטו, לייבע ?

דער פארמער איז שטעהן געבליבען אביסל צעטומעלט. אי פון דער פרישקייט און פון דער נייקייט וואס די מיי־דעל האט מיט זיך אריינגעבראכט אין הויז, אי פון דער נאהענטקייט, מיט וועלכער זי האט איהם באגעגענט. אויף דער ערשטער מינוט האט זיך איהם געפלאנטערט די צונג צווישען „איהר" און "דו". דאכט זיך אז פריהער, אין שטאדט, האט ער איהר קיינמאל ניט געזאגט „דו".

— דו.... איהר.... קוקט אויס זעהר גוט... — האט ער האלב געשטאמעלט.

— זעה נאר — האט זיך אסנת אריינגעמישט — פון ווען אן ביזטו מיט איהר אויף "איהר" ?

לייבע האט זיך געפיהלט אומבאקוועם און האט גע־שמייכעלט ווי א שולדיגער. לאה האט געלאכט מיט יונג־קייט און פרישקייט אין איהר קול און האט איהם געקלאפט אויף דער פלייצע :

— ביזט פאר'פארמער'ט געווארען, לייבע.

און אין א רגע ארום האט זי שוין פארגעסען אן איהם. און האט ווידער שנעל און גיך דערצעהלט וועגען די חבר'טעס. מיט וועלכע זיי פלעגען צוזאמען פארברייגען אין שטאדט. און מיט וועלכע אסנת האט א סך יאהרען געארבייט אין די גרויסע ניו יארקער שעפער.

— וואס איז געווארען פון חנה'ן ? חתונה געהאט ? און סאניע וואס מאכט ? האלט זיך נאך אלץ מיט איהר שלימזל ?

לאה האט דערצעהלט וועגען אלץ און וועגען אלעמען. דערביי האט זי געלאכט פונ'ם גאנצען הארצען, באוויזען

איהרע צוויי שורות ווייסע ציין, און די אויגען האבען גע־גלאנצט און געפינקעלט, און יעדער אבער אין איהר האט גע־רעדט: „כ'האב שוין לאנג אזוי גוט ניט געפיהלט...“

ניין. חנה האט נאך אלץ ניט חתונה געהאט. חנה און זי — זיי ביידע זיינען געבליבען די „אלטע מוידען“. אלע אנדערע באקענטע האבען חתונה געהאט. אפילו אויף דער ברייט־נאזיגער בעקי האט זיך אפגעזוכט א בעלן. נאר אויף זיי ביידען האט זיך קיינער ניט געוואלט אומקוקען.

— אט הפנים — האט לאה געלאכט — אז איך וועל שוין אזוי פארזיצען ביז'ן געלען צאפ...

און וואס האבען זיי ניט געטאן, חנה און זי, כדי צו קריגען א חתן! אפילו בריוולעך געשריבען אין דער "טויבען־פאסט“, און אלץ אומזיסט...

— געה אוועק! — האט אסנת איהר איבערגעשלאגען

— דו האסט געשריבען בריוולעך אין „טויבען־פאסט?“ איך שעם זיך.

— ביזטו דאך א נאר! — האט לאה געענטפערט מיט א גרינג געלעכטערל — מיינסט באמת אז איך האב גע־גלויבט צו קריגען דורך דער „טויבען פאסט“ א חתן? פאר אזא נאר האלסטו מיך? נאר גלאט, מיר האבען גע־וואלט שפאס, האבען מיר געשריבען בריוולעך . . . חוזק געמאכט פון זיך אליין . . .

לאה איז אויף א מינוט ערנסט געווארען, און אויף איהר קלאר פנים האט זיך אזוי ווי א לייכטער וואלקען פארצויגען. זי האט אבער באלד אליין איבערגעריסען די ערנסטקייט. זי איז אויפגעשפרונגען און, מיט א גע־לעכטער:

— נאר דאס, מיינסטו, האבען מיר געטאן? מיר הא־

בען שוין אפילו געפּרובט אנטאָן גרויסע, שטרויענע העטס, מיט א סך ארונטערהיינגענדיגע לענטעס. און קורצע קליי־דער האָבען מיר אנגעטאָן, און שיך מיט הויכע קנאָפּלען. אפשר, ווער ווייסט, וועט דאס זיין א מיטעל צו א חתן ?... נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען.

לאה האָט אזוי געלאכט, אז זי האָט זיך אזש פאַר־כלינעט, אזוי ווי עפּעס וואָלט איהר געבליבען שטעהן אין האַלז און וואָלט זי געשטיקט. זי איז אוועקגעפאַלען אויף א ביינקעל און האָט שווער אפּגעצויגען דעם אטהעם.

אסנת האָט איהר געהאָלפען לאכען, כאָטש צו מאָל איז איהר אויסגעקומען, אז לאה'ס געלעכטער איז ניט קיין נאטירליכער. זי האָט געקוקט אויף לאה'ן און זיך דער־מאָנט די אלע יאָהרען וואָס זי האָט צוזאמען מיט איהרע מיידלעך־חבר'טעס פארבראכט אין שטאָדט. דערנאָך איז געקומען ליבע, אוועקגענומען זי אויף דער פאַרם, און איצט — א מאמע פון צוויי קינדער, א גרויסע שטוב, עופות אויפ'ן הויף, א קוה, א קעלבעל... צומאָל געהט דער טאָג אוועק מיט אזוי פיל ארבייט, אז זי האָט אפילו קיין צייט ניט א טראכט צו טאָן וועגען זיך אליין. א סך מאָל ווייזט זיך איהר אויס, אז זי איז טאקע דאָ, אויפ'ן דאָרף, געבאָ־רען געוואָרען; אז זי איז קיינמאָל אין דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק ניט געווען, און אז זי האָט קיינמאל ניט געקענט דאָרטען אזעלכע וואוילע חבר'טעס ווי לאה, חנה, בעקי, און א סך, א סך אנדערע....

און טראכטענדיג אזוי, און ניט אויפהערענדיג צו גלעט־טען לאה'ן איבער די גאָלד־בלאָנדע האָר, האָט זי זיך מיט אמאָל א כאַפּ געטאָן, אז די זון האָט זיך שוין לאנג געזעצט, און אז דער אָווענט רוקט זיך צו. און דאָ האָט זי נאָך אזוי

פיל ארבייט אויף איהרע הענט.

אין דרויסען, אויפ'ן הויף, איז א רייטער געקומען צופאהרען. דער רייטער, א הויכער, קרעפטינער מאן, איז ארונטערגעשפרונגען פון פערד, און האט זיך געלאזט צו לייבען.

לאה האט איהם באמערקט דורכ'ן פענסטער און האט זיך פאראינטערעסירט מיט איהם.

— ווער איז דער ? — האט זי געפרעגט.

אסנת איז צוגעגאנגען צום פענסטער, האט ארויס־געקוקט, און האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— דער ? — האט זי געזאגט — דאס איז אויך א פאר־מער, א אידישער, פון אונזער דארף טאקע.

— ווי־זשע קומט ער אהער ? — האט לאה געפרעגט.

— מאלע ווי ער קומט ! — האט אסנת געלאכט — זעהסט דאך, דאס פערד האט איהם געבראכט צוטראגען. ער איז א גוטער רייטער, אונזער לאזאר.

— לאזאר הייסט ער ?

— יא. מיר רופען איהם לאזאר. אנדערע רופען איהם לייזער. אפילו לייזערקע רופט מען איהם אויך. אלע הא־בען איהם ליב.

— א שיינער — האט לאה געזאגט, קוקענדיג דורכ'ן פענסטער.

עפעס האבען די צוויי מענער שטיל גערעדט צווישען זיך. לאזאר האט עפעס דערצעהלט און לייבע האט צוגע־הערט און האט געשמייכעלט. דער בלויער הימעל איז אלץ טונקעלער געווארען, און פון די בערג האט זיך געטראגען א פרישע אווענט־קילע לופט. לייבע האט מיט א דריי־ציינערדיגען גאפעל געריסען גאנצע הויפענס היי פונ'ם גרוי־

סען סטויג, און האט עס אריינגעווארפען צו די פערד אין די קארעטעס. דער שווארץ־גלאנציגער און קלוג־אויגיגער טעדי האט זיך געדרעהט פאר לייבע׳ס פיס, האט געבילעו אויף א פארשפעטיגט פייגעלע וואס האט געזוכט די נעסט און ניט געקענט געפינען, און צום סוף איז ער אוועק זיך שפילען מיט דער קליינער עטעלע.

אסנת איז ארויסגעקומען פון הויז מיט א ווייסען עמער אין האנט. זי האט שמייכלענדיג א שאקעל געטאן צו לא־זאר׳ען מיט׳ן קאפ:

— וואס זעהט מען אייך אזוי זעלטען ?

לאזאר, הויך און שלאנק, און אפגעברענט פון דער זון, האט געשמייכעלט מיט ווייסע, שטארקע ציין:

— קיין צייט ניטא, טייערע. ספרינג־צייט. א סך אר־בייט אויפ׳ן פעלד. און איהר וואס מאכט ?

— אט. מ׳געהט מעלקען.

— אזוי שפעט ?

— פארשפעטיגט היינט.

— מיר האבען א גאסט — האט לייבע געזאגט, צו־קומענדיג. ער איז פארטיג געווארען מיט זיין ארבייט און האט זיך געוווישט דעם שטערען מיט זיין רויטער פאטשיילע.

— א גאסט ? — האט זיך לאזאר געוואונדערט — זעה, און מיר זאגט מען א ווארט ניט.

— טאקע אן עולה — האט זיך לייבע פארענטפערט — אבער איך האב אין זינען געהאט צו זאגען.

לאזאר האט געקוקט ארום זיך.

— איז ווער איז דער גאסט אייערער ? — האט גע־פרעגט לאזאר. — מ׳זעהט דאך קיינעם ניט.

לאה האט די גאנצע צייט געקוקט דורכ׳ן פענסטער.

און וואס מעהר זי האט געקוקט, אלץ העכער האט זי גע־הערט דאס קלאפּען פון איהר אייגענעם הארצען. וואס איז מיט איהר ? צי איז עס דען דער ערשטער מאנסביל, וואס זי זעהט אין איהר לעבען ?

נאך שטארקער האט איהר געקלאפּט דאס הארץ, ווען לאזאר איז אריינגעקומען אין שטוב, צוזאמען מיט לייבע'ן און מיט אסנת'ן. אסנת האט געבראכט א האלבען עמער מיט שוימיגער, ווארימער מילך, און האט ניט אפּגע־טראטען פון לאה'ן, ביז יענע האט אויסגעטרונקען צוויי גלעזער נאכאנאנד. לאה האט געטרונקען, געטרויטעלט זיך, און האט געפּיהלט אזוי ווי עפּעס וואלט זי געווארגען. אבער די מילך איז געווען ווארעם און פריש און שמעקענדיג.

לאה האט אפּגעווישט די ליפּען מיט א קליין, זיידען טיכעלע און האט געשמייכעלט אביסל פארשעמט. ניט צוליב דער מילך וואס זי האט געטרונקען, נאר צוליב דעם וואס זי האט געפיהלט, אז לאזאר נעמט ניט ארונטער די אוי־גען פון איהר, און אז זיינע אויגען זיינען שווארץ, און דער בליק — אזוי ווי פייער.

דערנאך האט מען זיך געזעצט צום טיש. לאזאר האט געזאגט אז ער וועט ניט עסען. אין דער היים ווארט אויף איהם בעסי מיט די קינדער, און א שמעקענדיגע וועטשע־רע קאכט זיך אוודאי אויפ'ן אויווען. פונדעסטוועגען האט ער זיך געזעצט צום טיש. בלויז אזוי זיך, צו שמועסען אביסעל.

ער האט גערעדט מיט לאה'ן. געפרעגט זי וועגען דער גרויסער שטאדט. א, צי ער קען ניו יארק ? נאך א מין קע־נען ! געלעבט דארט א צייט מיט יאהרען. וואס מיינט זי, לאה, ער איז דא, אויפ'ן דארף, געבארען געווארען ? ס'הויבט זיך גאר ניט אן. ערשט צוויי און א האלב יאהר

אז ער איז דא א פארמער געווארען.

— ניט מעהר ווי צוויי און א האלב יאהר? — האט זיך לאה געוואונדערט. — און קוקען קוקט איהר אויס, ווי איהר וואלט געווען א געבארענער וועסטערנער, אן אויסגע־וואקסענער אויף די בערג.

— די בערג האב איך אלע מאל ליב געהאט — האט לאזאר געענטפערט — איך לעב מיט'ן אטעם פון די בערג.

ער האט דערצעהלט ווי אזוי ער האט געטראפען דאס דארף, ווען ער איז אנגעקומען אהער. כמעט קיין איין הויז, א רעכטע, איז ניט געווען. דער וועג איז געווען צעבראָ־כען און גריבערדיג, און צו פארען ביינאכט האט מען גע־דארפט איינשטעלען דאס לעבען. לאה האט זיך צוגעהערט מיט האלב־צוגעמאכטע אויגען. לאזאר האט כמעט מיט קיין ווארט ניט דערמאנט וועגען זיך אליין, אבער זי האט געפיהלט זיין אטעם און זיין כח אונטער יעדער זאך וואס איז געטאן געווארען אינ'ם דארף. אלצדינג, וואס ער האט דערצעהלט, איז געווען פאר איהר פריש און ניי. ס'איז איהר אויסגעקומען, אזוי ווי זי וואלט פלוצים, אין מיטען א נאכט, אריינגעפאלען ערגעץ אין אן אלטען, פארצייטיגען פריצי־שען הויף, וואו יעדער שפאן ערד, יעדער ווינקעל פון הויז, און יעדער בוימעלע אין גארטען, און יעדער סטעזשקעלע אויפ'ן פעלד, איז אנגעפילט מיט א ראמאנטישען אטעם. אט, האט זיך איהר געדאכט, וועט פון דרויסען עמיצער קומען צוגעהן, וועט אנקלאפען אין טיר מיט א שטארקער האנט, וועט ניט ווארטען ביז מ'וועט עפענען, און עס וועט אריינלויפען אין שטוב א הויכער, א העלדישער מאן, געפאנ־צערט אין א מעשענעם פאנצער, מיט א מעשענער מאסקע

אויפ׳ן פנים. ער וועט אויסטאן דעם העלם, וועט ארונטער־ נעמען די מאסקע, און זי וועט דערזעהן א פארצייטיגען פרינץ, און דער פרינץ וועט האבען דאס פנים פון לאזאר....

פע. ווי די גדאנקען האבען זיך איהר צעפלאנטערט....
זי האט זיך א כאפ געטאן אזוי ווי פון שלאף און האט גע־ קוקט ארום זיך מיט אומרוהיגע אויגען. זי האט זיך ערשט איצט געכאפט, אז זי האט פארלארען כמעט א האלב פון די רייד, וואס לאזאר האט גערעדט, און אז זי האט, אליין ניט ווייסענדיג, צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ.

לאזאר האט זיך צערעדט. דאס פנים האט זיך צע־ פלאמט, די אויגען האבען געפינקעלט. ער האט פארגעסען אז אין דער היים ווארט בעסי מיט די קינדער, און האט פארגעסען אן דער שמעקענדיגער וועטשערע, וואס קאכט זיך געוויס אויפ׳ן אויווען. ער האט גערעדט מיט באגייר־ סטערונג וועגען דעם דארף, וועגען א אידיש דארף איבער־ הויפט. וועגען דעם, ווי גרויסארטיג עס וועט זיין, אז דאס דאזיגע גאנצע דארף וועט זיין מיט דער צייט באזעצט דורכאויס פון אידען. נשקשה, מיר׳ן נאך באווייזען דער וועלט, אז אידען טויגען יא צו ערד ארבייט, קענען יא די מלאכה פון פארמעריי...

ס׳איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, ווען לאזאר האט זיך אויפגעהויבען צו געהן. ער האט געגעבען לאה׳ן די האנט, האט זי שטארק א דריק געטאן, און איהר טיף ארייננעקוקט אין די גרויע אויגען.

— איך האף — האט ער געזאגט — אז איהר וועט אונז העלפען אין אונזער ארבייט.

לאה האט געשמייכעלט און האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ. אודאי וועט זי העלפען. כאטש די אידעע פון א אידיש

דאָרף איז ביז איצט כמעט אינגאַנצען פרעמד געווען פאַר איהר.

ביידע פרויען האָבען באַגלייט לאַזאַר'ן ביז דער טיר, און לייבע האָט אָנגעצונדען אַ לאַמטערן און איז אַרויס מיט איהם אויפ'ן הויף.

לאַה האָט נאָכגעקוקט דאָס מאַטע לאַמטערן־ליכט, וואָס האָט זיך געשאָקעלט ביי לייבע'ן אין די הענט. לאַ־זאַר'ס געשטאַלט איז אינגאַנצען צערונען געוואָרען אין דעם בלויען טונקעל פון דער נאַכט.

מיט אַמאָל האָבען די פרויען דערהערט לאַזאַר'ס הויי־כע שטימע, געמישט מיט אַ געלעכטער:

— הערסט אַ חכם פון אַ פערד! נעמט און לאָזט מיך איבער!

— אפשר איז ער דאָ פאַרקראָכען ערגעץ? — האָט לייבע געזאָגט.

אַ מינוט איז געווען שטיל. די מענער האָבען אין דער פינסטער געזוכט דאָס פערד, וואָס לאַזאַר האָט געלאָזען לויז, ניט צוגעבונדען. אויף אַ ווייל איז דאָס לאַמטערן־ליכט ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען, און האָט זיך באַלד ווידער באַוויזען.

— פרינצי איז אודאי שוין לאַנג אין דער היים — האָט לאַזאַר געזאָגט — איך וועל שוין כאַפּען אַ שפּאַציר צופוס.

ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנט צו די פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דער האַלב־אָפענער טיר, האָט געזאָגט לייבע'ן אַ גוטע נאַכט, און איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער זומער־נאַכט.

קאפיטעל צוויי

די ערשטע פאר וואכען האט לאה געלעבט אזוי ווי אין א חלום. אלץ, וואס זי האט דא געזעהן, איז געווען אזוי ניי און אזוי פריש פאר איהר, און האט זי כסדר דערמאנט אן דער אלטער היים, אן דעם קליינעם, ליבען שטעדטל, וואו זי איז אויפגעוואקסען געווארען, און פון וואנען זי איז, זייענדיג נאך א קינד, אפגעריסען געווארען. ביז איצט איז דאס שטעדטל כמעט אינגאנצען געווען אפ־געווישט פון איהר זכרון. זי האט זיך זעלטען־ווען דער־מאנט אן איהרע קינדערשע יאהרען, וואס זי האט אין יענעם שטעדטל פארלעבט. איצט אבער, געפינענדיג זיך אין דעם דאזיגען דארף, טרעטענדיג אויף ווייכער, ווארי־מער ערד, שמעקענדיג דאס גרינע פעלד־גראז, און אטעמענ־דיג די פרישע בארג־לופט, האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי איז געקומען צוריק אין איהר היים שטעדטל; און

אז זי האָט צוגעמאכט די אויגען, האָט זי ווידער געזעהן דאָס קליינע שטיבעל וואו איהרע טאטע־מאמע האבען גע־וואוינט; דאס גרינע וועלדעל, הינטער דער שטאדט, און דעם הויכען בארג אראָפּ, וואָס האָט געפיהרט צום קלאָ־רען, שנעל־פליסענדיגען טייך.

די פרימארגענס זיינען געווען וואונדערליכע. זי פלעגט זיך אויפכאפּען אין איין צייט מיט אסנת'ען און מיט לייבע'ן. לייבע איז גלייך ארויס אויפ'ן פעלד און איז באלד פארשלונגען געווארען אין דער ארבייט. אסנת האָט געהאט צו טאן אין הויז, ארום די קינדער, און אין דרויסען, ארום די הינדעלעך און ארום דער שווארצער קוה מיט די צעדרעהטע הערנער, וואס האט יעדען פריה־מאָרגען און פארנאכט געשפּייזט די פאמיליע מיט א האל־בען עמער ווייס־שוימיגע, ווארימע מילך.

אסנת פלעגט אויף די שפּיץ פינגער צוגעהן צו לאה'ס בעט, און זי בעסער איינדעקען, אבער אלע מאל האט זי געטראָפען איהר חבר'טע מיט אָפענע, לויטערע, און גליק־ליך־שמייכלענדיגע אויגען.

— פארוואס שלאפסטו ניט, לאה טייערע ?

אנשטאט אז ענטפער פלעגט לאה גלייך ארויסשפּרינ־גען פון בעט, אנשטעקען אויף די פיס א פּאר שטעק־שיך, זיך איינהילען אין א מארגען־כאלאטעל, און גלייך מיט אסנת'ען ארויסלויפען אויפ'ן הויף.

און אין דרויסען איז געווען א וואונדערליכער פריה־מארגען. די זון איז נאך געלעגען באהאלטען הינטער די שפּיציג־הויכע מזרח־בערג, נאר דער הימעל איבער די דא־זיגע בערג האָט שוין באקומען א ראזעווע קאליר, וואס האט אלץ מעהר און מעהר זיך פארשפּרייט אויפ'ן הימעל און

פארטריבען זיין נאכט־בלויקייט. די לופט האט געשמעקט מיט אלערליי פרישע געווירצען, און לאה פלעגט א צייט שטע־הען מיט אפענע אויגען און מיט אן אפען מויל. זי האט געאטעמט די פרישקייט, און זיך איינגעגעסען מיט די אוי־גען אין דער וואונדערליכער פאנאראמע. רעכטס — די מזרח־בערג, הויכע, שפיציגע, מיט אייביגע שניי־יארמעל־קעס אויפ'ן קאפ ; לינקס — ווידער בערג, די מערב־בערג, מיט געדיכטען וואלד און מיט צעקרימטע, הונדערט־יעהריגע ביימער באדעקט. אין דער נידער — דער טאל, וואו עס האבען זיך געטוליעט, איינס צום אנדערען, עט־ליכע דערפער, וואס זייערע הייזלעך — פון ווייטענס קליי־נינקע און ווייסע, האבען ארויסגעקוקט פון צווישען א ים מיט גרינס, פון צווישען ביימער און פלאנצען.

א לייכטער, העל־גרויער טוי הויבט זיך אויף פון'ם פעלד. די זון באווייזט זיך מיט איהרע ערשטע גין־גאל־דענע שטראלען. זיי שטרעקען זיך ווי דינע, שארפע נאד־לען, מאכען דעם טוי פינקלען מיט אלערליי רעגענבויגען קאלירען, און קליינינקע, בלישטשענדיגע טראפענדלעך בליי־בען הייגנען אויף די הויכע, דינע גראזען. פון ווייטענס זעהט זיך לייבע, נאכשפאנענדיג נאך זיינע צוויי גרויסע פערד, וואס שלעפען דעם שווערען אקער. אסנת האט אויס־געמאלקען די קוה און זי אפגעלאזען אויף פאשע, און דער רויטער האן דרעהט זיך אויף איין פוס, קלאפט מיט די שטארקע פליגלען און גרויסט זיך קעגען זיינע צוויי צענד־ליג ווייבער.

לאה שטעהט א פארגאפטע, א פאר'כשופ'טע. זי האט נאך קיינמאל, אין איהר גאנצען לעבען, ניט געזעהען אזוי פיל שיינקייט, ניט געאטהעמט אזוי פיל פרישקייט, ניט

נעזעהן אזוי נאהענט דעם באשעפער פון דער וועלט, און די וואונדער, וואס ער האט געשאפען יעדע מינוט, יעדע רגע, און אין פולע הויפענס געשפרייט פאר איהרע אויגען און אונטער די טריט פון איהרע פיס. גאט האט זיך באוויזען צו איהר אין זיין גאנצער פרעכטיגער גרויסקייט מיט דעם אויפגעהן פון דער זון; זי האט געזעהן דעם באשעפער אין דעם בלייכען פנים פון דער לבנה, וואס איז, ווי א פארגעסענע, געבליבען הייגען אויף א ברעג פונ'ם הימעל. ער האט גערעדט צו איהר דורך דעם מרוקען פון דער קוה און דורך דעם צווישטשען פון די פייגעלעך. ער האט זיך אנטפלעקט צו איהר אין יעדען טוי־טראפען, וואס האט געפינקעלט אויפ'ן גראז.

א צארטע האנט האט אנגעריהרט איהר אקסעל. לאה האט זיך אויפגעכאפט אזוי ווי פון א צויבערליכען חלום און האט גענומען רייבען די אויגען, אזוי ווי פון שלאף.

— האסט נאך היינט קיין מילך ניט געטרונקען, לאה טייערע — האט אסנת זי דערמאנט.

לאה האט גענומען די גלאז מילך און האט עס אויס־געטרונקען אין איין אטעם.

— אסנת ליבע — האט זי זיך געבעטען — לאמיך דיר העלפען אין דיין ארבייט.

אסנת האט געלאכט מיט א גליקליכען געלעכטער, האט אנגענומען די חבר'טע אונטער'ן ארעם און זי אריינגעפיהרט אין שטוב:

— דערווייל האסטו נאך היינט גאר ניט געגעסען.

זונטאג איז געוועזן דער טאג פון רוה. אויפ'ן פעלד האט מען ניט געארבייט, אבער ארום הויז איז אלע מאל

געוועז געגוג וואס צו טאז, אז עס וואלט געקלעקט אויפ'ן גאנצען טאג. ביז מיטאג צייט איז אסנת געוועז פארנו־מען אין שטוב, מיט צוגרייטען דעם זונטאג'דיגען מיטאג און מיט אויספרעסען קליידעלעך פאר די קינדער. לייבע, ווידער, האט דעם דאזיגען האלבען טאג אוועקגעגעבען צו דער שטאל און צו די בהמות, וואס א גאנצע וואך האט ער זיך אזא זאך ניט געקענט פארגינען.

— היינט — האט אסנת געזאגט צו לאה'ן ביים זונ־טאג'דיגען עסען — וועלען מיר נאך דינער פארען צו א פארזאמלונג.

זי האט איהר דערצעהלט, אז אפטמאל, אין א זונטאג בייטאג, נעמען זיך צונויף די אידישע פארמערס פון אלע עקען פונ'ם דארף. האלטען אפ א פארזאמלונג אונטער גאט'ס פרייען הימעל, און מען שמועסט דערביי ארום אלץ וואס האט א שיכות צום דארף און צו זייער פארמערשער ארבייט.

—מיר ווילען אויפבויען א שולע — האט אסנת ווייטער דערצעהלט. — אונזערע קינדער וואקסען אונטער, ווע־רען גרעסער, און צו דער נאהענטסטער שולע איז פינף־זעקס מייל.

לאה'ן איז שטארק געפעלען געווארען דער גע־דאנק פון בויען א שולע. זי האט זיך איבער־הויפט פאראינטערעסירט אין דעם לעבען וואס איהרע פריינט, אסנת און לייבע, האבען אנגעהויבען צו פיהרען, און מיט יעדען טאג איז זי אלץ מעהר ארייננגעצוי־גען געווארען. ביסלעכווייז האט זי זיך אויפגעהערט צו בא־טראכטען ווי א גאסט, און איז געווארען צוגעבונדען צום דארף, צום פעלד, צו דער קוה און צום פערד, און צו אלץ

וואָס עס האָט פּאַסירט אין דעם דאָזיגן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי ניי און אַזוי פריש און אַזוי צוציהענדיג פאַר איהר.

נאָכ׳ן עסען האָט זי געהאָלפען אָסנת׳ן אויפרוימען אין הויז און לייבע איז דערווייל אוועק איינשפּאַנען די "באַני". דאָס איז געווען אַ לייכט וועגעלע אויף „רעסאָ־רען". פינף מענשען האָבען אין דעם געקענט זיצען און איין פערד איז לייכט מיט דעם געלאָפען.

לייבע האָט איינגעשפּאַנט דעם לייכטפיסיגען „דען". מיט דער שוואַרצער, גלאַנציגער פעל און מיט׳ן ווייסען פלעק אויפ׳ן שטערן. ער האָט איהם אויסגעקעמט, אויס־געריינינגט, און האָט איהם אָנגעטאָן דעם נייעם שפּאַן, וואָס איז געווען גוט נאָר פאַר דעם לייכטען שפּאַציר־וועגעלע. די קליינע עטעלע, מיט די קליינע צעפּעלעך וואָס די מאַמע האָט איהר אינדערפריה פאַרפלאָכטען, און מיט ווייס־גע־פּרעסטען קליידעלע וואָס האָט איהר געגרייכט קוים ביז די קני, האָט זיך געדרעהט אַרום פאָטער, געוואָלט איהם העלפען און האָט ניט געוואוסט מיט וואָס. פון ווייטענס איז געשטאַנען דער קליינער וועוועלע, אינגאַנצען דריי יאָהר אַלט, אין אַ ווייס גאַרניטערעל און מיט צעריסענע שיכעלעך, פון וועלכע ס׳האָבען אַרויסגעקוקט די קליינע פיסלעך אין ווייסע זעקעלעך. ער איז געשטאַנען מיט אַ פינגערל אין מויל און מיט גרויסע, ברוינע אויגען נאָכ־געקוקט דעם פאָטער, און זיך געפרעהט, וואָס באַלד וועלען זיי ערגעץ פאָרען.

די פאַרמערס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף אַ גרוי־סען, פרייען פלאַץ, אַרום דער „גרעינערי", אַ גרויסע היל־

צערנע געביידע, וואו די פארמערס האבען צוזאמען גע־האלטען זייער תבואה און זייער זריעה. דערביי איז געווען א קליין, הילצערן שטיבעל, וואו דער סעקרעטער פונ׳ם דארף האט געהאט זיין קאנטאר. אבער דאס שטיבעל איז גע־ווען אזוי קליין, אז מעהר ווי צעהן מענשען אויף א מאל האבען אהין ניט געקענט אריין. איז דער עולם, וואס איז זיך צוזאמענגעפאהרען פון אלע עקען פונ׳ם דארף, מיט ווייבער און מיט קינדער, געבליבען אויפ׳ן גרויסען פלאץ. מען האט זיך געקליבען אין רעדלעך. מענער באזונדער און ווייבער באזונדער. די ווייבער, וואס האבען זיך א גאנצע וואך ניט געזעהן, מחמת זיי האבען געוואוינט ווייט איינע פון דער אנדערער, האבען זיך ארומגעכאפט, זיך צעקושט, און זיך אויסדערצעהלט וואס "אויפ׳ן הארצען". די מענער האבען געראויכערט ליולקעס, אנגעפילט מיט פראסטען טא־באק, האבען גערעדט פון דער ארבייט אויפ׳ן פעלד, און פון דער „סקול" וואס דער גאווערנאר פון שטאט האט צוגעזאגט צו העלפען בויען.

לאה האט ווידער דערזעהן פאר זיך א בילד, וואס איז געווען פאר איהר ניי און אינטערעסאנט. ס׳האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי געפינט זיך ווידער אין דער אלטער היים, אין א מארק טאג, ווען פון אלע ארומיגע דערפער קומען זיך צוזאמען די פויערען מיט די פויערטעס, און לעגען אויס לעבען זייערע וועגענער אלץ וואס זיי האבען צו פארקויפען. עס איז איהר געפעלען געווארען די יום־טוב׳דיגקייט און די אויפגעלעגטקייט וואס זי האט בא־מערקט צווישען די פארזאמעלטע. זי האט געזעהן, אז די פרויען, די מעהרסטע פון זיי יונגע און חנ׳עוודיגע, וועלכע זיינען אלע ניט לאנג צוריק געווען שטאדטישע מיידלעך,

האבען זיך געקליידט מיט געשמאק און מיט זויבערקייט. די מענער האבען וועניגער אויפגעפאסט אויף זייער הלבשה. אבער זיי זיינען געווען גלאט אפגעראזירט און זיינען גע־ווען ריין אנגעטאן. אפילו בענדער, וואס ער פלעגט, אפי־לו זונטאג, ניט שיידען זיך פון זיינע ארבייט־הויזען, האט אויך ארונטערגעווארפען די אלטע, די שמוציגע, און האט זיך היינט פארפוצט מיט נייע „אָוועראָלס" און האָט ברייט געשמייכעלט צו יעדען איינעם.

אסנת האט זי ארומגעפיהרט צווישען די ווייבלעך. האט זי בעקאנט מיט דער שווארץ־חנ'עווודיגער דזשעני, דעם דארף־סעקרעטער'ס ווייב; מיט דער שטענדיג־לאכענ־דיגער און שטענדיג־איילענדיגער ריוועלע, וואס האט גע־וואוינט אינ'ם ווייטסטען עק פונ'ם דארף, און מיט בעסי'ן, לאזאר'ס ווייבעל.

מיט בעסי'ן האט זיך לאה פאראינטערעסירט מעהר ווי מיט אלע אנדערע ווייבלעך. גלייך ווי זי האט דערהערט דעם נאמען בעסי, האט זי דערפיהלט ווי עפעס האט א ציטער געטאן ביי איהר אין הארצען. זי האט זיך פריהער געוואלט פארשטעלען וואס פאר א ווייב האט ער, דער דאזי־גער לאזאר, מיט די שטארק־מוסקולירטע הענט און מיט די שווארץ־ברענענדיגע אויגען. איצט האט זי זי געזעהען.

בעסי איז געווען א קליין, חנ'ענווודיג ווייבעל, מיט א שמאָל פיסקעל און מיט דינע ליפען, א גלייך נעזעל און גרויע אויגען. זי האט זיך געהאלטען אביסל מיט גרויסקייט קעגען די אנדערע ווייבלעך, אזוי ווי זי וואלט זיי געוואלט לאזען פיהלען, אז זי איז לאזאר'ס ווייב, און לאזאר איז איהר מאן. און לאזאר, האָט זי געוואוסט, איז דער הויפט טוער, דער הויפט בוי־ער פון דעם דאזיגען יונגען אידישען

דארף, וואס האט נאך רעכט ניט געהאט זיינע ווארצלען געלאזען אין דער דאזיגער פרעמדער ערד.

בעסי האט זיך צעקושט מיט אסנת'ען און האט זיך פריינדליך געגריסט מיט לאה'ן. זי האט שוין געהערט אז א גאסט איז געקומען צו אסנת'ען. לאזאר האט איהם וועגען דעם דערצעהלט. זי האט שוין געוואלט צופארען זיך באקענען, נאר לאזאר האט אלץ קיין צייט ניט געהאט. לאזאר איז דאך אזוי פארנומען מיט דער ארבייט אויפ'ן פעלד, און חוץ דעם האט ער דאך דאס גאנצע דארף אויפ'ן קאפ...

יעדעס מאל וואס בעסי האט ארויסגערעדט דעם נאמען ל א ז א ר האט זיך איהר מויל אזוי מאדנע א דרעה געטאן און די ליפלעך האבען זיך פארשנורט, אזוי ווי זי וואלט געוואלט א פייף טאן. און ווידער האט לאה דערפיהלט יענעם מאדנעם, פרעמדען ציטער אין איהר הארצען, און א נאגענדען וועהטאג.

זי האט פון ווייטען באמערקט לאזאר'ען. ער איז געווען ארומגערינגעלט פון עטליכע פארמערס, וועלכע האבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. לאזאר האט עפעס דערצעהלט, האט געמאכט מיט די הענט און די אויגען האבען זיך ביי איהם צעברענט. איהר האט זיך אויסגעוויזען אז ער איז העכער, מעכטיגער, שענער, פון יעדען אנדערען וואס זי האט דא געזעהען אויפ'ן פלאץ. זי האט געהאט דעם געפיהל ווי צוגעהן אהין, צו יענעם ארט ; עפעס אזוי ווי א בלינדע קראפט האט זי געצויגען אהין — אפשר וועט ער זי באמערקען, לאזאר; און אויב ניט, וואלט זי כאטש וועלען הערען זיין שטימע, און וואס ער האט דארט אזוינס צו דערצעהלען.

עמיצער האט ארויסגעטראגען א טישעל מיט א ביינ־קעל און האט דאס אוועקגעשטעלט לעבען דעם סעקרעטער'ס אפיס, און דער סעקרעטער אליין, מר. ליפשיץ, האט א קלאפ געטאן אן טישעל און געבעטען דעם עולם צוצוקומען נעהענטער. דער מיטינג איז געעפענט.

לאה האט זיך צוגעהערט צו יעדער ווארט וואס איז גע־רעדט געווארען פון די פארזאמעלטע. עפעס איז דאס אלץ געווען אזוי אנדערש ווי ביי א מיטינג אין דעם גרויסען, רוישיגען ניו יארק. עפעס האבען די פארזאמעלטע דא גע־רעדט א שפראך, וואס אין שטאדט וואלט עס אפשר קיי־נער ניט פארשטאנען, און עפעס האבען זיי דא גערעדט פון ענינים, וואס א שטאדט־מענש האט וועגען דעם קיין שום באגריף ניט געהאט.

מען האט, צו אלעם ערשטען, גערעדט פון דער שו־לע. אודאי מוז מען האבען א שולע, און דא טאקע, אין מיטען דארף. א רחמנות צו פלאגען די קינדער און שי־קען זיי יעדען פרימארגען צום נאהענטען דארף, וואו די איינציגע „פאבליק סקול" געפינט זיך. א סך ארבייטס־שטונדען ווערען פארלארען דורכדעם וואס די עלטערן מו־זען זיך אפרייסען פון דער פעלד־ארבייט און אוועקפיהרען זייערע קינדער אין סקול, און פארנאכט פארען זיי אפנע־מען. און חוץ דעם, אז ס'וועט זיין אן אייגענע סקול, וועט מען טאקע קענען לערנען די קינדער אביסל אידיש אויך. נאכאלעמען זיינען מיר דאך אידען.

— און אמאל וועט מען קענען מאכען א מנין אויך — האט זיך ארויסגעכאפט בענדער.

די יונגערע פארמערס האבען אויף איהם קרום א קוק געטאן. זיי האבען געוואוסט, אז צווישען זיי געפינען זיך

אזעלכע וואס דאווגען יעדען טאג, און וואס מאכען זיך א מנין אמאל אין א שבת. אבער דאס האט קיינעם ניט גע־ארט, און קיינער האט זיי ניט געשטערט. ביי זיי איז אבער אויסגעקומען, אז די סקול דארף ניט פארוואנדעלט ווערען אין א שוהל.

ביז לאזאר האט געקראגען דאס ווארט, און האט געמאכט א סוף צו דער דאזיגער דעבאטע. קודם כל, האט ער געזאגט, דארף מען בויען די שולע, און אז זי וועט זיין פארטיג, וועלען מיר דעמאלט באשליסען צי מ׳מעג זי באַ־נוצען פאר א שוהל אויך, אדער ניט.

לאזאר האט געהאט א פארטיגען פלאן, ווי אזוי די שולע זאל געבויעט ווערען : מאטעריאל קען מען קריגען געבארגט ביז די תבואה וועט ארונטערגענומען ווערען פון די פעלדער, און אויפבויען די שולע וועלען זיי אלע צוזאַ־מען. יעדער איינער מאנסביל פון דארף זאל אריינלעגען א גלייכען חלק ארבייט.

ער האט גערעדט פעסט און מיט איבערצייגונג, און האט געמאלען א דייטליך בילד, ווי אזוי די ארבייט דארף געפיהרט ווערען, און ווי אזוי די שולע וועט אויסקוקען ווען זי וועט זיין פארטיג. לאה איז געשטאנען צונויפגעדרענגט צווישען עולם און האט ניט באמערקט קיינעם, אויסער לאַ־זאר׳ען, און האט ניט געהערט קיינעם, אויסער לאזאר׳ען. די יוני־זון איז געשטאנען הויך אין הימעל און האט דורכ־געשטאכען איהר פלייצע מיט הייסע שטראלען, אבער זי האט עס כמעט ניט געשפירט. זי האט נאכגעפאלגט לאַ־זאר׳ס יעדע באוועגונג און האט ארונטערגעכאפט יעדער ווארט נאך איידער עס האט זיך אפגעריסען פון זיינע ליַ־פען. זי האט א פאר מאל אויפגעכאפט זיין בליק. דאכט

זיך אז ער האט זי געזעהען, דאכט זיך אז ער האט אפילו לייכט א שאקעל געטאן צו איהר מיט'ן קאפ, און אפשר האט זיך דאס איהר נאר אויסגעוויזען.

ווען זי וואלט דא געקענט האבען איצט איהרע שאפ־חבר'טעס פון ניו יארק, אז זיי זאלען, גלייך ווי זי, זעהען, אז ס'איז דא א גרויסע, פרייע, ברייטע און ליכטיגע וועלט א חוץ די פינסטערע, לופטלאזע שטיבלעך, וואו זיי האבען זיך געשטיקט נאך א טאג שווערער ארבייט. זיי וואלטען, גלייך ווי זי, געזעהן, אז עס זיינען פאראן אנדערע אינטערעסען א חוץ דעם שאפ, אחוץ דעם פארמאן, אחוץ דעם באס, און א חוץ דער "יוניע". זיי וואלטען געזעהן, גלייך ווי זי, אז ס'איז פאראן א מענש, א מאן, וואס לאזאר איז זיין נאמען....

איהרע געדאנקען האבען זיך פארפלאנטערט. זי האט פארלארען דעם ענין, ארום וועלכען די פארזאמעלטע האבען איצט גערעדט. זי האט אויפגעכאפט א ווארט און צוויי, און ווידער איז איהר אלץ פארגעקומען ווייט און פרעמד. ניט לאזאר האט גערעדט, נאר דער פארמער קליין. און גערעדט האט מען שוין ניט וועגען דער סקול, נאר וועגען דער ארבייט אויפ'ן פעלד, און וועגען א פלאן ווי אזוי צו פארקויפען צוזאמען די תבואה, ווען זי וועט זיין ארונטערגענומען פון פעלד און אויסגעדראשען. זי האט ניט באמערקט ווען לאזאר האט אויפגעהערט רעדען, און וואו ער איז אהינגעקומען, אויסמישענדיג זיך צווישען עולם. זי האט זיך מיט אמאל א כאפ געטהאן אן איבערראשטע און א דערשראקענע. לאזאר איז געשטאנען לעבען איהר, האט איהר אויסגעשטרעקט די האנט און האט אויף איהר געקוקט מיט א שמייכלענדיגען בליק פון זיינע קויל־שווארצע אויגען.

— איז וואָס מאַכט מען ? — האָט ער שטיל געפרעגט.

א ווארימקייט האט זיך צעגאסען איבער איהר גאנ־צען קערפּער, און אין קאָפּ האָט איהר א רויש געטהאָן, אזוי ווי זי וואָלט אויסגעטרונקען א גלאז שטארקען וויין. זי האָט עפּעס געשטאַמעלט, עפּעס געזאָגט, און האט אליין ניט געהערט וואס. דערנאָך האָט זי זיך געכאַפּט, אז זי האָלט נאָך אלץ זיין האנט אין איהרער, און אז מענשען שטע־הען דאך ארום זיי.

קאפיטעל דריי

ביינאַכט האָט גערעגענט. דער פרימאָרגען איז געווען א קילער, א נאסער, און דאס פעלד איז געווען איינגעהילט אין א גרויען נעבעל, וואס האט זיך ארונטערגעלאָזען נידריג צו דער ערד. לייבע און אסנת זיינען עפעס געווען פארנומען אין שטאל, פון וואנען עס האָט זיך געהערט דאס מרוקען פון דער שווארצער בהמה. לאה האָט באמערקט, אז אין דער לעצטער צייט האט מען די שווארצע אויפגעהערט צו מעלקען, און מילך פלעגט מען ברייגנען יעדען פריהמארגען פון בענדער׳ס פארם. איצט האָט זי געהערט ווי די בהמה האָט ניט אויפגעהערט צו רעווען. צו איז זי ניט עפעס קראנק געווארען מיט אמאל, די בהמה?

לאה איז ארוים אויפ׳ן הויף. דאס גראז איז געווען נאס און האט זיך געדריקט צו דער ערד פון דער פייכטקייט. דער נעבעל איז געלעגען געדיכט און גרוי, אז זי

האט קוים געקענט זעהן א פאר שפאן פאר זיך. געהענדיג איבער'ן הויף האט זי דערזעהן זיבען קליינע הינדעלעך, איינגאנצען צוויי וואכען אלט, וואס די מאמע זייערע, די קוואקע, האט זיי אוועקגעווארפען. און איצט האבען זיי געציטערט פון קעלט און זיך געטוליעט איינס צום אנ־דערען.

לאה'ס הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט רחמנות. איהר האט זיך אויסגעוויזען אין דער מינוט, אז דאס זיי־נען ניט קיין יונגע צוויי וואכיגע הינדעלעך, נאר ארימע יתומים'לעך, וואס זיינען געבליבען אהן טאטע־מאמע, און וואס דער בייזער לענדלארד האט זיי פון הויז ארויסגע־ווארפען אין א קאלטען פייכטען פריהמארגען. זי האט זיך ארומגעקוקט. וואס טוט מען מיט די דאזיגע קליינע הינ־דעלעך? זיי ווען דאך אויסגעהן אזוי אין דער קאלטער פייכטקייט. אפילו די גרויסע הינער, און דער הויכער האן מיט'ן פייעריגען קאם, האבען זיך אויך באהאלטען אין זייערע נעסטען, אנגעבלאזען די פעדערען און געטוליעט די קעפלעך אונטער די פליגלען.

זי האט געטראכט א ווייל, דערנאך איז איהר איינגע־פאלען א ליכטיגער געדאנק: זי האט אויסגעשפרייט דאס פארטוך, אריינגענומען אהין די דערפרוירענע הינדעלעך און איז אריין מיט זיי אין הויז. דארט האט זי זיי אריינ־געווארפען אין איהר נאך־ווארימען בעט, און האט זיך אוועק־געלעגט לעבען זיי.

די הינדעלעך האבען זיך געטוליעט צו איהר, האבען זיך געווארעמט אין איהר לייב, זיינען איהר פארקראכען אין בוזים און געגראבעלט דאס לייב מיט די קליינע, צאר־טע פיסעלעך. לאה האט געהאט דאס געפיהל, ווי דאס

וואלט זי אן אייגען קינד געהאלטען ביי דער ברוסט, און ווי דאָס טולעט זיך צו איהר, גלעט זי און גראבבעלט זי מיט קליינע פינגערלעך.

זי איז אזוי אפּגעלעגען א היבשע ווײלע, ווען אסנת איז פּלוצים, אן איילענדיגע, ארײנגעלאָפען אין שטוב.

— זעה נאר, דו ליגסט נאך אין בעט, לאה ? — האָט זי זיך געוואונדערט און איז צוגעלאָפען צו איהר בעט. נאר דערזעהענדיג ווי לאה ליגט מיט האלב־אָפענע אויגען, האָט זי זיך דערשראָקען :

— וואס־זשע, דו פיהלסט, חלילה, ניט גוט ? ס'שטעכט דיר אפשר אין זייט ? אפשר ברײנגען א דאקטאר ?

לאה האט אויסגעשאסען מיט א פרעהליכען געלעכ־טער, און אפּווארפענדיג די קאלדרע אן א זייט, האט זי בא־וויזען אסנת'ען די קליינע הינדעלעך וואס האבען זיך גע־ווארעמט אין איהר שויס.

— אוי, איך האלט ניט אוים ! — האָט אסנת א קלאפּ געטאן מיט ביידע הענט — זעהסטו, אזא זאך וואלט מיר גאר קיינמאל ניט איינגעפאלען צו טאן.

— וואס דען טוט מען מיט אזעלכע פּיצעלעך „ביי־בעלעך" ? — האָט לאה געפרעגט.

נאר אסנת איז אין דער מינוט שוין געווען אין קיך, האָט זיך געפּארעט צווישען געפעס און ארויסגעשלעפּט פון שאפע דעם גרויסען, ווייסען מילך־עמער.

— קום בעסער ארײן אין שטאל, וועסטו זעהן עפּעס שיינס — האָט זי גערעדט צו לאה'ן פון קיך־ארוים.

— וואס אזוינס וועל איך דארט זעהן ? — האָט לאה געפרעגט.

— ס'קומט דאך אונז א מזל־טוב — האָט אסנת גע־

ענטפערט, שוין שטעהענדיג ביי דער טיר — די שווארצע האט א קעלבעל געבארען. — און איז ארויס פון שטוב.

לאה האט געגעבען א טאנץ אראפ פון בעט. א קעלבעל, א קעלבעל !... זי האט נאך אזוינס קיינמאל ניט געזעהן...

זי האט איינגעדעקט די הינדעלעך, און איז אליין ארויס־געלאפען אויפ'ן הויף, און פון דארט אין שטאל אריין.

אין א ווינקעל, אויף א בערגעל פרישע שטרוי, איז גע־לעגען די שווארצע, האט געקוקט ארום זיך מיט איהרע גרויסע, בלוי־גלעזערנע אויגען, האט שווער געאטהעמט און גע'מעלה־גירה'ט. לעבען איהר איז געלעגען א קליין באַ־שעפענישעל, פארבלוטיגט און פארשמוצט, און האט גיכער אויסגעקוקט ווי א רוי שטיק פלייש איידער א לעבעדיג באַ־שעפעניש.

ביי דער זייט איז געשטאנען לייבע מיט פארקאשערטע ארבעל, און זיינע הענט זיינען געווען ביז האלב איינגעריכט אין בלוט און אין שמוץ. ער איז געווען פארהארעוועט און אויפ'ן שטערען זיינען איהם געשטאנען גרויסע טראפענס שוויים.

— א דאנק גאט, איבערגעקומען ! — האט ער געזאגט און האט אפגעצויגען דעם אטהעם.

אסנת האט אריינגעבראכט אן עמער מיט ווארימער וואסער און גענומען ארומוואשען ביי דער קוה די אייטער. די שווארצע האט זיך מיט אמאל געגעבען א שטעל־אויף און האט גענומען קוקען ארום זיך מיט ווילד־בייזע אויגען. אזוי ווי זי וואלט געוואלט פארהיטען דאס באשעפעניש, וואס זי האט ערשט אויף דער וועלט געבראכט. איהר בליק איז רוהיגער געווארען, ווען זי האט דאס קעלבעל דערזעהן אויפ'ן שטרוי. זי האט אראפגעבויגען דעם קאפ, ארויס־

געשטעקט א לאנגע, פייכטע צונג און אנגעהויבן ארומלע־
קן דאס קעלבעל. דאס קעלבעל האט זיך געדרעהט און
זיך געצאפעלט אונטער דער באריהרונג פון דער מאמע, אבער
וואס מעהר די שווארצע האט עס געלעקט, אלץ א לעבעדיגע־
רען גלאנץ האט באקומען די פעל, און די אויגען האבן זיך
געעפענט.

ס'איז געווען א געל־ברוין קעלבעל מיט א ליכטיגען,
דרייעקיגען פלעק אויפ'ן שטערן. ס'האט זיך געפרובט
אויפשטעלן, נאר די דינע, לאנגע פיסלעך האבן זיך גע־
בויגען, געדרעהט, און ס'איז צוריקגעפאלען אויפן שטרוי.

— נשקשה, אין א האלבער שעה ארום וועט עס שוין
שטעהן ווי א מזיק! — האט לייבע געזאגט, און האט גע־
קוקט מיט נחת אויפן קעלבעל.

לאה איז געשטאנען פון ווייטענס, אזוי ווי זי וואלט
מורא געהאט צוצוגעהן נעהענטער. זי האט דערפיהלט א
מאדנע ליבשאפט צו דעם דאזיגען קליינעם באשעפעניש,
וואס האט מיט יעדען אויגענבליק צוגעקראגען מעהר לע־
בען און שטארקייט. זי האט געפיהלט ווי צו צוגעהן צו
דעם דאזיגען קעלבעל און עס א קוש טאן אין דעם דריי־
עקיגען ווייסען פלעק.

ביסלעכווייז האט זיך דאס קעלבעל אוועקגעשטעלט
אויף די פיס, געוואקעלט זיך און געשאקעלט, און האט מיט'ן
קעפעל אנגעהויבן זיך רייבן ארום דער שווארצער'ס בויך,
זוכענדיג די אייטער.

— א גאט'ס באשעפעניש — האט אסנת געזאגט —
ערשט די אויגען געעפענט, און ס'זוכט שוין שפייז.

— און ווייסט שוין וואו דאס צו געפינען... — האט
לייבע געלאכט.

אסנת האָט אַרומגעוואַשען די אייטער און האָט עס אָפּגעטריקענט מיט אַ ווייס טיכעל. דערנאָך האָט זי אַליין צוגעהאָלפֿען דעם קעלבעל, און איהר אַריינגעלעגט די ברוסט און מיילכעל. דאָס קעלבעל האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַן אימפּעט, אַקוראַט ווי עס וואָלט שוין וועער ווייסט ווי לאַנג ניט געגעסען, און ס'האָט זיך געהערט ווי עס זויגט און טשמאָקעט מיט די ליפּען. ס'האָט אָבער די ברוסט אין מויל ניט געקענט איינהאַלטען און זי אַלע ווייַלע פאַרלאָרען, און אסנת האָט אַכטונג געגעבען, און האָט דאָס איהר צוריק אין מויל אַריין דערלאַנגט.

די גאַנצע צייט פון'ם זויגען איז די קוה געשטאַנען רוהיג, האָט געקוקט מיט די גרויסע אויגען, געקייעט, און אַלע ווייַלע איבערגעריסען, אַ דרעה געטאָן דעם קאָפּ אין אַ זייט, אַרויסגעשטעקט די צונג, און אַ לעק געטאָן דאָס קעלבעל.

אין דרויסען האָט זיך דערווייל דער נעבעל אויפגעהויבען, איז צערונען געוואָרען, און די זון האָט זיך באַוויזען אויפ'ן הויכען הימעל, שפּרייטענדיג איהר גאָלד אויפ'ן פייכטען פעלד, וואָס האָט געאָטעמט מיט פרישקייט. לייבע האָט אַרויסגעפיהרט די שוואַרצע אויפ'ן הויף און דאָס קעלבעל איז איהר נאָכגעלאָפען, שוואַך־שאָקלענדיג זיך אויף די דינע פיסלעך.

— די זון וועט עס אויסוואַרעמען — האָט לייבע געזאָגט, און האָט דער קוה צוגעטראָגען אַ בינטעל פרישע היי.

לאָה, איינגאַנצען אַ פאַרכאַפּטע פון דעם בילד, פון דער שיינקייט פון'ם קעלבעל, און פון דער פרייד וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין אסנת'עס און אין לייבע'ס אויגען, האָט מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט און האָט אויס־

גערופען מיט באגייסטערונג :

— אסנת, רוף דאס קעלבעל אויף מיין נאמען !

אסנת האָט געלאכט.

— האסט שוין געהערט אמאל א קעלבעל זאל הייסען לאה ? — האָט זי געזאגט.

— פאר וואס ניט ? — האָט לאה געפרעגט.

— איך וועל דיר זאגען ווי דאס קעלבעל וועט הייסען — האָט לייבע זיך ארייננגעמישט — ס'וועט זיין לאה און ניט לאה.

— ווי־זשע ? — האָט לאה געפרעגט.

— לילי — האָט לייבע געזאגט.

— לילי !.... — לאה האט א טאנץ געטאן פאר באגייסטערונג — און איך וועל אויף איהר אכטונג געבען, און איך וועל עס אויסהאדעווען. יא, לייבע ?

זי איז געוועזן אזוי גליקליך, אז זי האָט א כאפּ געטאן אסנת'ען ארום דער טאליע, און האט זיך אנגעהויבען דרעהען מיט איהר איבער'ן הויף.

קאפיטעל פיער

לאה האט די גאנצע צייט געלעבט אזוי ווי אין חלום. זי האט כמעט אליין ניט געמערקט ווי זי איז אלץ מעהר ארייגעצויגען געווארען אין דעם דארפישען לעבען. זי האט זיך קיין רעכנונג ניט אפגעבען, וואס זי טוט דא, אין דעם דאזיגען דארף, וואוהין זי איז געקומען בלויז אלס גאסט אויף א קורצער צייט. האט צומאל פארגעסען ווער זי איז, פון וואנען זי קומט, און וואס פאר א לעבען זי האט געלעבט, איידער זי איז געקומען אהער. אסנת האט זי ארומגענומען מיט איהר ווארעמקייט און מיט איהר צערטליכקייט ווי א מאמע, און לייבע האט זי נעגלעט מיט א פאטערליכען בליק. זייער לעבען איז געווארען איהר לעבען, און זייערע אינטערעסען זיינען געווארען איהרע.

דער טאג פלעגט פארגעהן אין דעם רויש פון די פיעלע ארבייטען ארום הויז און אויפ'ן הויף. לאה איז געווארען

באפריינט מיט דער שווארצער קוה און האט זיך אפילו אויסגעלערנט זי מעלקען. זי האט זיך געניאנטשעט מיט'ן קעלבעל און האט זיך גע'חבר'ט מיט'ן שווארצען הינטעל. טעדי, וואס פלעגט איהר שפרינגען אויפ'ן שוים און לעקען איהרע הענט. זי האט געצערטעלט די קליינע היהנדעלעך. און זיי באשיצט אזוי ווי א מאמע.

פונדעסטוועגען פלעגט זי נאך געפינען צייט אין א נאכמיטאג שטונדע זיך אוועקצולעגען אויפ'ן פלאר אין דער קיהלער פראנט שטוב מיט די ארונטערגעצויגענע גארדינען. אין דרויסען האט געברענט די זון, און דא, אינוועניג, איז געווען קיהל און שטיל און אנגענעהם. צומאל פלעגט זי נעהמען לעבען זיך די קליינע עטעלע, אדער וועוועלען, און פארשפיעלען זיי צום שלאף. צו מאל פלעגט זי עפענען א בוך און אנהויבען לייענען. אבער אין לייענען האט זיך איהר מח אין אזעלכע שטילע שעה'ן ניט געקאנט פארטיפען. און די געדאנקען איהרע פלעגען אוועקוואנדערען ווייט, ווייט פון דעם בוך און פון אלץ וואס דארט איז געווען גע־שריבען.

אמאל פלעגט זי בלייבען ליגען מיט פארמאכטע אויגען און זיך צוהערען צום קלאפען פון איהר הארצען און צום שנעלען לויף פון'ם בלוט אין איהרע אדערען. די שלייפען האבען זיך שטארק באוועגט און דאס הארץ האט זיך גע־ווארפען און געגאנגט און נאך עפעס געביינקט.

ווער בין איך ? פלעגט זי אפטמאל, אין אזא מינוט, א טראכט טאן פאר זיך אליין, און שטיל א לאך טאן. עפעס האט זי זיך דערפיהלט אזוי ווי א נייע, א פרעמדע, א ערשט־געקומענע אין אן אנדער וועלט. און דאס אלץ וואס איז געווען הינטער איהר, דאס אלץ וואס זי האט

דורכגעלעבט אין די קארגע דרייסיג יאָהר פון איהר לעבען — וואָס איז דאָס אלץ געווען ? וואו איז דאָס אלץ אהינגעקומען ? דאָס לעבען פון דער שטאדט, די ארבייט אין שאפ, דאָס פארברייינגען מיט איהרע נאהענטע חבר'טעס, דאָס לאכען און שפּאסען פון זיך און פון אנדערע, חלומ'ענדיג וועגען חתנים און ניט קריגענדיג זיי — דאָס אלץ האָט זיך אפּגערוקט אזוי ווייט אהינטער, אזוי ווייט אויף צוריק, אז יענע אלע יאָהרען זיינען איהר פארגעקומען אזוי ווי א חלום, א שעהנער און א מיאוס'ער אין דערזעלבער צייט.

אזוי פלעגען די געדאנקען איהרע זיך פלאָנטערן און דרעהען, ביז זיי זיינען געבליבען שטעהען אויף איין פונקט, אויף איין ווארט : לאזאר.

ווער איז דער דאזיגער מענש ? וואָס איז ער פאר א מענש ? און מיט וואָס פאר א כח, מיט וואָס פאר א רעכט, האָט ער זיך אריינגעריסען אין איהר לעבען און אין איהר הארץ ? זי איז דאך שוין ניט קיין יונג מיידעלע, און איהר הארץ האָט נאך קיינמאָל אזוי העפטיג ניט געקלאפּט ווי איצט, ביים דערמאהנען זיין נאמען. און אבי זי האָט געמיינט, אז איהר הארץ איז שוין אויף אייביג פארשלאָסען פאר יענעם געפיהל, וואָס דיכטער און פּאעטען ווערען קיינמאָל ניט מיד צו באזינגען. אבי זי האָט געמיינט, אז איהרע באקען וועלען זיך קיינמאָל ניט רויטלען ווי ביי א יונג מיידעל, ווען זי קריגט דעם ערשטען קוש פון א בחור. אבי זי האָט געמיינט, אז איהר הארץ וועט קיינמאָל ניט אויסגעהן פון בייגקשאפט און פון נאגעניש, וואָס שניידט זיך איין אזוי ווי א שארפער וועהטאג.

אבער הינטער'ן נאמען לאזאר זיינען געווען באהעפט אנדערע נעמען, אנדערע געשטאלטען. און די הויפּטגע־

שטאלט, וואָס האָט זי געשראָקען, אומרוהיג געמאַכט, און צומאָל ניט געלאָזט שלאָפֿן בייַנאַכט, איז געווען בעסי. ווער איז בעסי? וואָס איז בעסי צו איהר? דאַכט זיך צוויי באַזונדערע מענשען. אַלע יאָהרען געלעבט וויַיט איינס פֿון אַנדערען, אפילו ניט געוואוסט איינע פֿון דער צוויי־טער׳ס עקזיסטענץ אויף דער וועלט. איצט האָבען זיי זיך געטראָפֿען. און געטראָפֿען האָבען זיי זיך אויף אַ שמאָלען וועג. אַ שמאָלער פּלאַנקען איז געלעגען איבערגעלעגט אי־בער אַ טיעף־רוישענדיגען וואַסער, און אָט דאָ האָבען זיי זיך באַגעגענט. זיי קענען זיך ניט אויסמיידען. זיי קענען ניט געהן אויף צוריק. און געהן וויַיטער, אין פֿאָראויס, איז סיידען אַריבערצוטרעטען איבער דער צווייטער׳ס קער־פּער . . . לאה האָט געשוידערט, אַזוי ווי זי וואָלט גע־פֿיהלט, אַז זי ווערט אַריינגעשליידערט אין דעם טיפֿען אָפּגרונד, און ווערט פֿאַרשלונגען פֿון׳ם שטראָם.

זיצענדיג ביים ברעקפֿעסט, מיט אסנת׳ן, האָט לאה איינ־מאָל פֿאַרפֿיהרט מיט איהר אַ שמועס וועגען בעסי:

— זאָג, אסנת טייערע, איז זי טאַקע אַזאַ בייזע ווי מ׳דערצעהלט וועגען איהר?

אסנת האָט געשוויגען. זי האָט געזעהן און געפֿיהלט די ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען ביי איהר חבר׳טע און האָט געוואָלט אויסמיידען אַזאַ שמועס. אָבער ניט ענטפֿערען לאה׳ן האָט זי ניט געקענט.

— דער אמת איז — האָט זי געזאָגט — אַז זי איז ניט אַזוי שלעכט ווי נאַריש.

— אַז זי איז ניט קיין קלוגע האָב איך שוין באַ־מערקט — האָט לאה געזאָגט — ווי קומט צום קלוגען לאַזאַר אַזאַ וויַיב?

אסנת האָט געשמייכעלט, שטיל און באַדייטענד.

— זעהסט דאָך . . . — האָט זי געזאָגט.

לאה האָט געפיהלט ווי איהר הארץ קלאַפּט שנעל. מיט אמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבען און האָט געזאָגט:

— אפילו דאָ, אין דעם שעהנסטען ווינקעל פון גאָט'ס ערד, ווערט צומאָל דאָס לעבען פאַר'מיאוס'ט.

— מענשען דאַרפען פאַרשטעהן ווי אזוי דאָס לעבען שעהן צו מאַכען — האָט אסנת געענטפערט. לאה האָט ניט קלאָהר פאַרשטאַנען וואָס אסנת האָט געמיינט דערמיט צו זאָגען, אבער איבערפרעגען האָט זי ניט געוואָלט.

אסנת, די נאָהענטסטע, ליעבסטע חבר'טע וואָס זי האָט ווען געהאַט אין איהר לעבען. צוגעגעבונדען צו איהר פון קינדערייז אָן. ליעב געהאַט זי ווי איהר אייגען לעבען. און דאָך האָט זיך ביי איהר דאָס מויל ניט געעפענט צו זאָגען דער חבר'טע וואָס ביי איהר אין הארצען טהוט זיך. זי האָט געוואוסט, אז אסנת וועט זי ניט באַשולדיגען, וועט זי ניט אורטיילען צום שלעכטען. ווער, חוץ אסנת'ן, קען זי אזוי גוט פאַרשטעהן? און פונדעסטוועגען האָט זי זיך געשטיקט מיט איהרע געפיהלען, ווי זי וואָלט מורא גע־האָט צו פאַרראַטהען זיך.

זי האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און אסנת, אזוי ווי זי וואָלט וועלען צעשטרייען איהר חבר'טע, האָט זיך אויעקגעזעצט לעבען איהר. האָט זי געגלעט איבער איהרע גאָלדענע האָר און האָט גערעדט צו איהר שטיל, אזוי ווי איינוויגענדיג זי צום שלאָף:

— איך האָב עס אפשר ניט געדאַרפט דערצעהלען. אפשר ניט געדאַרפט רעדען וועגען דעם . . . אבער . . .

דער אמת איז, לאזאר האָט קיינמאָל פאַר בעסי גוט ניט געלעבט. זייער צונויפקומען זיך איז קיינמאָל ניט געווען קיין גלייכע זאַך . . .

לאה האָט אנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אסנת'עס ברוסט, און געהערט ווי ביי יענער האָט דאָס האַרץ גע־קלאַפּט בעת זי האָט ווייטער גערעדט:

— איך געדענק, נאָך מיט עטליכע יאָהרען צוריק, ווען מיר האָבען ערשט אנגעהויבען צו פּלאַנעווען ווענען באַזעצען זיך דאָ, האָט לאזאר בסוד אונז דערצעהלט, אַז זיין בעסי וועט אפשר ניט וועלען שיידען זיך מיט דער שטאָדט און וועט ניט וועלען פאָהרען מיט איהם אויפ'ן דאָרף.

לאה האָט זיך געגעבען אַ כאַפּ אויף:

— וואָס דו זאָגסט! . . .

אסנת האָט זיך געמאַכט ניט באַמערקענדיג לאה'ס אויפרעגונג און האָט שטיל פאָרגעזעצט:

— אבער ער האָט זיך אפּגענאַרט, לאזאר. זי איז איהם יאָ נאָכגעפאָהרען. ניט געוואָלט, און דאָך געפאָהרען. ניט אַזוי צוליעב דעם דאָרף. דאָס האָט זי אַלע מאָל פיינט געהאַט. און ניט אַזוי צוליעב איהם. זי ווייסט אפשר ניט וואָס עס הייסט ליעב האָבען אַ מאַן. נאָר פון שלעכט־קייט, פון ענגהערציגקייט . . . ניט צו לאָזען איהם פריי.

לאה האָט זיך מיט אַמאָל שטאַרקער צוגעטוליעט צו דער חבר'טעס ברוסט און איהרע אַקסלען האָבען אנגע־הויבען זיך טרייסלען פון אַ העפטיגען געוויין.

אסנת האָט זי געצערטעלט און געגלעט:

— לאה טייערע, וואָס איז דיר?

זי האָט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר ביי דער חבר'טע אין האַרצען. זי האָט זי פאַרשטאַנען און מיט־

געפיהלט. זי האָט ניט געדאַרפט אַז לאה זאָל איהר זאָגען וואָס איהר איז, אבער זי האָט געוואָלט לאה זאָל אנהויבען רעדען. אפשר וואָלט איהר דערפון לייכטער געוואָרען.

אבער וואָס מעהר אסנת האָט איבער איהר גערעדט, אַלץ אויפגערעגטער איז לאה געוואָרען, ביז זי האָט אויס־געבראָכען אין א היסטערישען געוויין. אסנת האָט זי גע־נומען אונטער דער האַנט און האָט זי אריינגעפיהרט אין דער פראָנט שטוב, און האָט זי אוועקגעלעגט דאָרט אויף דער קאַנאַפּע.

— איך האָב אפשר ניט געדאַרפט רעדען צו דיר, לאה טייערע — האָט אסנת געזאָגט, אַזוי ווי א שולדיגע. — זיי מיר מוחל.

זי האָט א קוש געטהאָן לאה'ן אויפ'ן שטערען. לאה איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגען, פון וועלכע עס האָבען אַרונטערגערונען צוויי פּאַסיקלעך דינע טרעהרען. איהרע ליפען האָבען נערוועז געציטערט און די ברוסט האָט זיך אומרוהיג געהויבען אַרויף און אַראָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין הויז איז געוואָרען שטיל. דורך די אַרונטערגע־צויגענע גאַרדינען האָט זיך אריינגעריסען א שמאָלער שטראַהל פון דער זון און האָט זיך צעלעגט איבער'ן פלאָר און האָט זיך געשפּיעלט מיט איהרע גאָלדענע האָר. איהר שטערען האָט געברענט מיט א שטאַרקער היץ און אין מח האָט זיך עפּעס געטומעלט פון געמישטע געדאַנקען.

מיט אַמאָל האָט זי דערפיהלט א לייכטע האַנט וואָס האָט באַריהרט איהר הייסען שטערען. די האַנט איז געווען קיהל און אנגענעהם און האָט זי געגלעט און באַרוהיגט. וועמעס האַנט איז עס ? זי גלעט און באַרוהיגט אַזוי ווי

אסנת׳עס, אבער ס׳איז ניט איהר האנט.

זי האט געעפענט די אויגען. צום אנהויב האט זי גאר ניט געזעהן וואס עס טהוט זיך ארום איהר. די אויגען האבען געקוקט אזוי ווי אין א לעדיגער פוסטקייט, וואס איז געווען איבערגעצויגען מיט א גרויען נעבעל. ביסלעכ־ווייז איז דער נעבעל צערונען געווארען, און פאר איהרע אויגען האבען אנגעהויבען דרעהען זיך רויטע, פייערינע רינ־גען. זי האט דערפיהלט עפעס א מאדנע לייכטקייט אויפ׳ן הארצען און אויף די ליפען האט אפילו א שפיל געטהאן א דין שמייכעלע. זי האט א דרעה געטהאן דעם קאפ אן א זייט און דער שמייכעל אויף איהרע ליפען איז גרעסער געווארען. די אויגען האבען אויפגעלויכטען מיט א העלען גלאנץ:

— דאס זענט איהר לאזאר?

ער האט געשמייכעלט און געגלעט מיט איין האנט איה־רע האר. אין דער צווייטער האט ער געהאלטען די ווייכע פארמער העט, וואס ער האט ארונטערגענומען פון׳ם קאפ, אריינקומענדיג אין שטוב. דאס העמד ארום האלז איז געווען אפען און ס׳האט ארויסגעקוקט פון דארט זיין אפ־געברענטע ברוסט, מיט טונקעלע האר באוואקסען. די ארבעל זיינען געווען ארויפגעקאשערט, און די אנגעצויגענע אדערן פון זיינע הענט האבען עדות געזאגט אויף דער קראפט וואס זיי באזיצען. עס האט געשמעקט פון איהם מיט פעלד־ריח און מיט יונגער, מענליכער שטארקייט.

— אסנת האט מיר געזאגט אז איהר פיהלט ניט גוט.

— האט ער געזאגט שטיל און צארט.

לאה האט געשמייכעלט. זי האט זיך אין דער דא־זיגער מינוט געפיהלט אזוי גליקליך, אזוי ווי א קינד וואס

כאפּט זיך אויף פון שלאָף, און טרעפט לעבן זיך די גוטע, נעטרייע מאַמע. מיט אַמאָל זיינען צערונען געוואָרן די אַלע נעבעלהאַפטע בילדער וואָס האָבן זיך, ערשט אַ ווײַלע צוריק, געפּלאָנטערט אין איהר האַלב־פאַרשלאָפענעם מח. זי האָט געפיהלט, אַזוי ווי אַ גרויסע שיין וואָלט זיך באַוויזען, און האָט צעטריבן די טונקעלע געשטאַלטען אין שאָטענדיגע ווינקלען אַריין.

— ניין. ס'איז גאָר ניט . . . — האָט זי אַ קלײַן ביסעלע אַ שטאָמעל געטהאָן. — ס'איז נאָר אַ קאָפּ ווערד טאָג . . . שוין אַוועק.

— אפשר — האָט ער געלאַכט — האָב איך עס ביי אייך דעם קאָפּ וועהטאָג אַוועקגענומען ?

— געהט, וואָס זענט איהר, אַ רופא ? — האָט זי צוריקגעלאַכט, און מיט אַמאָל האָט זי ווידער דערשפּירט יענע מאָדנע זיס־וועהטאָגליכע האַרצנאַגעניש. איהרע ליפּען האָבען זיך אַ קרום געטהאָן.

— אפשר אַ ביסעל קאַלטע וואַסער ? — האָט ער נעפרעגט.

ער האָט ניט געוואַרט אויף איהר ענטפער. איז אַוועק אין קיך, האָט זיך דאָרט געפּאָרעט צווישען די גלעזער, נענאָמען פון אַ קרוג, און איהר צוגעבראַכט אַ גלאָז וואַסער.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ דאַנקבאַרען בליק און האָט גענומען די גלאָז פון זיינע הענט.

— צי האָט איהר ניט אַמאָל אַ כשוף אין אייערע הענט ? . . . — האָט זי אַ לאַך געטהאָן. זי האָט זיך אויפגעזעצט, אַרונטערגעלאָזען די פיס פון דער קאַנאַפּע און אויסגעטרונקען די קאַלטע וואַסער.

— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט, און געקוקט

אויף איהם מיט א האלב־פארשעהמטען בליק.

— און ווייסט איהר וואס איך וואלט אייך געזאגט ?

— האט ער זיך צוגעבויגען צו איהר אין א ווײלע ארום — איהר זאלט ארויסגעהן אביסעל אויף דער פרישער לופט.

זי האט געשוויגען.

— און שטעלט זיך פאר — האט ער ווייטער געזאגט—איך האב דאך ניט אנגעהויבען וויסען אז איהר פיהלט ניט גוט, נאר עפעס האט מיך געצויגען אפצושטעלען זיך ביים הויז.

ער האט איהר דערצעהלט, אז ער פאהרט אין שטעדטעל גאנין, איינצוקויפען נויטיגע זאכען. האט ער געטראכט, ער וועט זיך אפשטעלען און זי א פרעג טהאן, אפשר וויל זי מיטפאהרען ?

איהר הארץ האט זיך א צאפעל געטהאן, אזוי ווי צום ארויסשפרינגען. זי האט א קוק געטהאן אויף איהם. ער איז געווען אזוי גוט אין דער דאזיגער מינוט, אזוי ליעבליך, און האט אזוי פארטרוימט געקוקט אויף איהר מיט זיינע שווארצע אויגען.

— אייך איז ניט גוט, לאזאר . . . — האט זי שטיל ארויסגעזאגט, און האט באלד חרטה געהאט און איז געבליבען שטיל.

— ניין. ווער זאגט עס ? וואס פאלט אייך איין ?

— האט ער געלאכט מיט א רוהיג, הויך געלעכטער — מיר איז גוט. איך בין אויפגעלעגט. פאלגט מיך, לאמיר זיך דורכפאהרען אביסעל.

ער האט זי אנגענומען ביי דער האנט און זי א ציה געטאן פון דער קאנאפע.

זי האט געשמייכעלט עפעס אזוי קינדיש, פארשעהמט.

אין דער מינוט האָט זי זיך דערפיהלט אזוי נאריש־אומבא־האָלפען און האָט זיך געלאזט פיהרען פון איהם, איז איהם נאכגעגאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס גרינגע שפּאציר־וועגעלע איז מיט א לייכטען גע־רויש ארויסגעפאהרען פון'ם הויף, איבערלאזענדיג נאך זיך א דינעם שטויב וואלקען, וואָס האָט געטאנצט אין די שטראהלען פון דער זון. טעדי האָט זיך א לאז געטהאָן נאכ'ן וועגעלע, האָט זיך פארלארען אינ'ם שטויב, איז פאר־לאָפען דעם וועג אויף פאראויס, און איז דערנאך געבליבען שטעהן ביי דער זייט און זיי לאנג נאכגעקוקט מיט א רויט־טער־ארויסהענגענדיגער צונג.

לייבע האָט שטיל א קוק געטהאָן אויף זיין ווייב. אסנת האָט גאר ניט געזאגט.

— ס'איז אפשר געווען איבעריג אָט דאָס פאהרען איצט . . . — האָט ער ארויסגערעדט צווישען די צייהן.

— פאַרוואָס ניט ? — האָט אסנת געפרעגט — וואָס פאר א בייז איז אין דעם ?

— אונזער דארף — האָט לייבע געזאגט — האָט אלע חסרונות פון א היימיש קליין שטעדטעל. יעדען איינעם האלט מען אין מויל.

אסנת האָט גאר ניט געענטפערט. זי איז אריינגעגאנ־גען אין הויז און האָט זיך גענומען צוגרייטען סאפער.

קאפיטעל פינף

אויפ'ן דאך פון דער נידריגער הינער־הויז האבען זיך געשפיעלט די טויבען. ס'איז געווען אין פריהמארגען. די זון איז נאר וואס ארויס אויף דעם טיף־בלויען לויטערען הימעל, און די ווייסע פליגלען פון די יונגע טויבען האבען געשטראלט מיט א העלען גלאנץ, שוועבענדיג אין דער בלויער פרימארגען לופט. זיי האבען זיך געדרעהט אין קרייזען, איין קרייז איבער'ן אנדערען, און זיך ארונטער־געלאזען אויפ'ן דאך מיט א ברומען און מיט א ווארקען.

לייבע האט ליב געהאט די טויבען. נית ווייל זיי האבען איהם געבראכט א נוצען, און נית ווייל ער פלעגט אמאל, אונטער א יום טוב, שעכטען איינע פון זיי און גיבען אסנת'ן צו מאכען פון דעם א מאהלצייט ; ער האט זיי ליעב געהאט צוליעב זייער שעהנקייט און צוליעב זייער לייכטען שוועבען אין דער לופט.

האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ באַזונדער קליין שטיבעלע. אַ טויבענשלאַק, איבער'ן דאַך פון דער הינער־הויז, און אָפּטמאָל פלעגט ער אויפ'ן פעלד בלייבן שטעהן אַ פאַר־גאַפטער, און ניט מיד ווערען נאַכצוקוקען זיי אין זייער שפּיעל און אין זייער פליה.

לאה איז געזעסען אויפ'ן טרעפּעל ביי דער הויז. האָט צעלאָזען איהרע גאָלדענע האָר און זיי געגעבען אַ „זון־באָד." איהרע בלייכע באַקען האָבען אין דער צייט צו־געקראָגען פאַרב, און דער גלאַנץ פון איהרע אויגען איז געוואָרען לעבעדיגער און פרישער, כאָטש צייטענווייז פלעגט זיך אַזוי ווי אַ קליין וואָלקענדעל איבערציהען איבער זיי. זי איז געזעסען שטיל און פאַרטראַכט, און האָט מיט די אויגען נאַכגעקוקט די טויבען אויפ'ן דאַך.

אַ מאָדנע זאַך. אַלע מאָל האָט זי ליעב געהאַט צו קוקען אויף דעם אַש־גרויען „ער," מיט די גאָלד־בלויע פעדערן אין עק. דער דאָזיגער „ער" האָט זיך געפיהרט מעשה־באַלעבאָס, און פלעגט פאַריאַגען אַלע אַנדערע טוי־בען פון'ם דאַך. ער איז געווען גרעסער, שטאַרקער און פלינקער, און די אַנדערע האָבען אַזוי ווי אַנערקענט זיין ממשלה, און פלעגען איהם אָפּטרעטען דאָס אָרט.

דער „ער" האָט כסדר געהאַט לעבען זיך זיין קליינע, ווייסע „זי". די „זי" איז געווען אַ קליין טייבעלע מיט מילך־ווייסע פעדערן און מיט קליינינקע, רויטע אויגעלעך. אַ דערשראָקענס און אַ פאַרציטערטס, פלעגט עס אַלע מאָל שטעהן ביים טירעל פון דער נעסט, און אַזוי ווי מיט שרעק נאַכגעקוקט איהר שטאַרקען "ער", ווי ער האַלט מלחמה מיט אַלע אַנדערע טויבען פאַר דער ממשלה איבער'ן דאַך. אַליין שטיל און צאַרט, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי קען

גאָר קיין הויכען ברום ניט טאָן.

נאר היינט איז פארגעקומען עפּעס א נייעס אויפ'ן דאַך: דער בלוי-עקיגער „ער" איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון דאַך, און לעבען איהם — א פרעמדע „זי", וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון א פרעמדען טויבענשלאַק. ער איז געשטאַנען לעבען איהר, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט באַשיצען פון אַן אַנפאַל. און אַזאַ אַנפאַל איז טאַקע באַלד געקומען. די קליינע, ווייסע, שטענדיג-שטילע „זי", איז ארויס פון איהר נעסט און האָט מיט א בייזען ברומען זיך געלאָזט אויף דער פרעמדער. דאָ האָט דער „ער" זיך אריינגעמישט, האָט צענומען זיינע פליגלען און פארשטעלט זיין געליעבטע. דערנאָך האָט ער א שפּרונג געטאָהן אין דער הויך, א טאַנץ געטאָהן, און מיט רוגזה א ברום געטהאָן זיין „זי" אין פנים אריין. יענע האָט זיך דערשראָקען און האָט זיך אפּגערוקט.

לאה האָט נאָכגעקוקט דער דאָזיגער טויבען-שפּיעל. עס האָט זי אלע מאָל פאראינטערעסירט זייער פליהען און זייער פלאטערען, זייער טומלעניש ביים בויען א נעסט, טראַגענדיג פונ'ם פעלד שטיקלעך שטרוי און ליים, און זייער באַזאָרגטקייט ביים לעגען די אייעלעך און ביים אויסוואַרעמען זייערע עופה'לעך. אַלע מאָל האָט זי אויף זייער פליהען געקוקט ווי אויף א שפּיעל, נאָר היינט האָט זי צום ערשטען מאָל דערזעהן א גאַנצע געשיכטע אין דער שטומער סצענע צווישען דעם „ער", זיין ווייסע „זי" און די פרעמדע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון א פרעמדען טויבענשלאַק. מיט אַמאָל איז איהר פאָרגעקומען, אַז דאָס איז מעהר ווי א שפּיעל פון טויבען; אַז דאָס איז א טראַגעדיע, א געשיכטע פון מענשען-לעבענס.

וואס שפּינעלט זיך אָפּ אין דער שפּיעל פון די טויבען.

ס'איז איהר עפּעס מאָדנע שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען. מיט אמאָל האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז די זון האָט זיך באהאַלטען אונטער א וואָלקען, און אז א שאַרפע קעלט האָט ארומגענומען איהר ליב. לייבע איז אין דער מינוט פאַרבייגעגאַנגען לעבען איהר מיט די פערד. וואס ער האָט געפיהרט אויפ'ן פעלד. זי האָט זיך גיך אויפגעשטעלט.

— לייבע — האָט זי געזאָגט — האָסט צייט א מינוט?

לייבע האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיין צייט האָט ער אפילו ניט. ווען האָט א פעלד־מענש צייט? אָבער לאה איז געווען אומרוהיג. איהרע בליקען האָבען עפּעס גערעדט, און לייבע האָט געפיהלט, אז ער דאַרף ניט אוועקגעהן ווען לאה וויל צו איהם רעדען.

לאה האָט זיך נערוועז געדרעהט אויף איין אָרט, און האָט אויסגעשטרעקט צו לייבע'ן די הענט, אזוי ווי אין א געבעט:

— זאָג, איז ניט יעדער מענש אויף דער וועלט באַרעכטיגט צו א ביסעלע, צו א טראָפּעלע גליק?

לייבע האָט לויז געלאָזען די פערד, וועלכע האָבען זיך אָפּגעקעהרט צום פעלד און האָבען אָנגעהויבען צו צופּען דאָס גרינע גראָז. לייבע האָט ניט געוואוסט וואס צו זאָגען. די פראַגע איז איהם אויסגעקומען אזוי פרעמד און אזוי באַקאַנט אין דער זעלבער צייט. און נאָכמעהר: ער האָט דאַכט זיך די גאַנצע צייט געוואוסט, אז די דאָזיגע פראַגע ליגט ביי לאה'ן אויף די ליפּען, און אז פריהער אָדער שפּעטער וועט זי עס איהם פרעגען.

ניט באַקומענדיג אזוי גיך קיין ענטפער, האָט לאה

אין א מינוט ארום, מיט דער פריהעריגער נערוועזקייט ארויסגערעדט:

— און בין איך ניט א מענש, גלייך מיט אלע, אויף דער וועלט?

ליבע האט אלץ געשוויגען. ער איז געשטאנען מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ, אזוי ווי ער וואלט געווען שולדיג אין דעם, וואס לאה האט געוואלט א ביסעלע גליק. און אקוראט ווי דאס, וואס זי פארלאנגט, וואלט געווען פארשלאסען ביי איהם אין א קאסטען, און וואס ער, מיט זיין ענגהארציגקייט, האט עס ניט געוואלט איהר ארויס־געבען.

און איך וויל דאך ניט מעהר ווי א טראפעלע גליק... איין רגע גליק...

זי האט זיך ביי איהם געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען. ליבע האט זיך דערפיהלט אומהיימליך. אין מויל איז איהם געווארען טרוקען און די צונג האט זיך אזוי ווי צוגעקלעפט צום גומען. ער האט אפשר געהאט זיין אייגענעם בליק אויף דער זאך, און האט אפשר געהאט זיין באזונדערען באגריף וועגען גליק, און וועגען דעם וועג ווי אזוי דאס צו באקומען. אבער אין דעם דאזיגען מא־מענט האט ער געפיהלט, אז וואס ער וועט זאגען, וועט קלינגען נאריש, און וואס זי האט אודאי שוין טויזענדער מאל געהערט פון אנדערע. ער האט געוואוסט, אז ס'איז ניט אזוי דער ענטפער, וואס לאה וויל פון איהם הערען, ווי דער סוד וואס פרעסט איהר הארץ.

צולעצט האט ער איבערגעריסען דאס שטילקייט און האט געזאגט:

— גליק, ליבע לאה, איז א באגריף, וואס יעדער

איינער נעהמט עס אויף א באזונדער אופן. אבער איך מיין, אז די וועלט האט געגוג גליק פאר יעדען איינעם לעבעדיגען מענשען אויף דער וועלט.

לאה האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— איך וויים, איך וויים.

לייבע האט זיך געלאזט אוועקגעהן, אבער ער האט זיך נאך פארהאלטען אויף א ווײלע:

— צו וואס אט דאס גאנצע טראכטעניש? קום בע־סער ארוים אויפ'ן פעלד. מיר פיהרען היינט ארונטער דעם ווייץ. העלף. אין דער ארבייט וועסטו געפינען רוה.

ער האט אנגענומען די פערד ביי די צוימען און איז אוועק מיט זיי אויפ'ן פעלד.

לאה האט איהם נאכגעקוקט: איהם איז וואויל. זיין הארץ איז רוהיג. זיין נשמה איז גאנץ. איהם האט דאס לעבען ניט פארטיילט. ער דארף פון אנדערע קיין גליק ניט גנב'ענען...

זי האט איהם נאכגעקוקט ביז ער איז ארויף אויפ'ן פעלד. דער ווייץ, געבונדען אין סנאפעס, איז געשטאנען אין שורות, אזוי ווי רייהען פון גוט־מושטירטע זעלנער. זי האט פארדרעהט איהרע צעלאזענע האר אויפ'ן קאפ, האט שוין געוואלט זאגען אסנת'ען, אז זי געהט אויפ'ן פעלד העלפען לייבע'ן, נאר אין דער מינוט האט זי באַ־מערקט ווי לאזאר איז ארויפגעפאַהרען מיט א גרויסען וואגען אויפ'ן פעלד, דארט וואו לייבע איז געשטאנען מיט זיינע אייגענע פערד און מיט זיין אייגענעם גרויסען וואגען.

עס האט איהם א קלאפ געטאהן אין הארץ. זי האט זיך דערמאנט: נעכטען האט לייבע געהאלפען לאזאר'ען

ארונטערפיהרען דעם ווייץ פון'ם פעלד; היינט איז לאזאר געקומען אהער, צו העלפען לייבען אין דער ארבייט. ס'איז דאך געווען אזוי פשוט, אזוי נאטירליך, נאר זי האט דער־פיהלט אזוי ווי עמיצער וואלט איהר אפגעטאהן עפעס א שפיצעל. עס האט זי געצויגען ארויפצוגעהן אויפ'ן פעלד. די ארבייט וואלט איהר באמת טאקע גוט געטאהן. אבער איהר בליק איז, ניט ווילענדיג, געפאלען אויף די טויבען. וואס האבען נאך אלץ אומגעפלאטערט אויפ'ן דאך פון דער היהנער־הויז. זי האט ווייטער דערזעהן די ווייסע, שטענ־דיג־שטילע „זי", ווי זי האט זיך מיט א בייזען ברומען און ווארקען געווארפען צו דער פרעמדער, וועלכע האט זיך באהאלטען הינטער דעם „ער'ס" פליגלען.

זי האט פארמאכט די אויגען און א שטילע, א דער־שלאגענע, איז זי געבליבען שטעהן אויף איהר ארט. דאכט זיך, ווי לאנג צוריק איז דאס געווען? א וואך, און אפשר צוויי... ווען לאזאר האט זי געבעטען מיטצופאהרען מיט איהם אין שטאדט. זי איז געפאהרען. פארוואס זאל זי ניט פאהרען? און אויפ'ן וועג האט מען געלאכט און גערעדט און געשמועסט. און אין שטאדט האט לאזאר איהר גע־קויפט אייז־קרים. זי האט אזוי גוט געפיהלט דעם גאנצען טאג. א ווארימער געפיהל האט זי ארומגענומען. און דאס געפיהל האט אודאי פון איהרע אויגען ארויסגעשטראהלט... לאזאר האט עס באמערקט און האט עס איהר טאקע געזאגט.

נאר דערנאך.... אין אווענט, ווען זיי זיינען צוריק געקומען פון שטאדט. לאזאר האט זי פארפיהרט צו זיך אהיים. זיין הויז איז געשטאנען אויפ'ן צווייטען עק פון'ם דארף, דאס סאמע לעצטע הויז. ווייטער פון הויז איז געווען טרוקען פעלד, פארוואקסען מיט ווילדע דערנער.

זאמדיגע בערגלעך און גריבער, פון וואנען מ'האָט מיט יאָה־רען צוריק זאַלץ געגראַבען.

בעסי האָט זיי באַגעגענט ביים טויער. זי האָט גע־שמייכעלט אזוי וואויל, גערעדט אזוי פריינדליך, נאָר לאָה האָט זיך געשראָקען פאַר איהרע דינע ליפּעלעך, וואָס האָ־בען זיך אָפּט איינגעביסען איינע אין דער אַנדערער. זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם הארטען בליק פון איהרע גרויע אויגען... דער אָוועגט איז געווען א פיינליכער. ביים עסען האָט מען כמעט א וואָרט ניט גערעדט. לאָזאַר איז ביי זיך אין שטוב געווען גאָר אַן אַנדערער. ניט דער, ווע־מען זי האָט געקענט ערשט מיט עטליכע שטונדען צוריק אויפ'ן וועג, און ניט דער, וועמען זי האָט אזוי אָפּט גע־זעהן אויף די מיטינגען און ביי לייבע'ן אין שטוב. בעסי האָט זי אפילו געוואָלט פאַרהאַלטען אויף איבער־נאכט. אָבער לאָה האָט זיך דערפיהלט נאָך מעהר אומהיימליך פון דער דאָזיגער פריינדליכקייט, און לאַזאַר האָט זי געמוזט אָפּפיהרען אהיים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, זי וועט היינט אויפ'ן פעלד ניט געהן. א שטילע, מיט א געבויגענעם קאָפּ, איז זי אַריין אין הויז, איז אַהן ווערטער פאַרבייגעגאַנגען אסנת'ען, וועלכע האָט זיך גע־פּאַרעט אין קיך, האָט זיך א וואַרף געטאָהן אויף איהר געלעגער, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם פון דער נאכט, און האָט זיך איינגעגראַבען מיט'ן פנים אין קישען.

קאפיטל זעקס

די ארבייט ביי דער דאָרף־שולע איז אָנגעגאַנגען מיט אַ לעבעדיגען אימפּעט. מיט יעדען טאָג האָט געוואַקסען די הילצערנע געביידע, וואָס האָט זיך געבויט אויפ׳ן באַרגיגען פּלאַץ, אַנטקעגען ברייטען וועג. דער וועג האָט זיך געצויגען צום טאָל און צו די גוי׳עשע דערפער. וואָס זיינען דאָרט געלעגען איינגעטונקט אין גרינס. דאָ. אויבען, איז אַ בוימעל געווען אַ זעלטענהייט. דאָס דאָרף איז געווען יונג, און די פּאַרמערס האָבען נאָך ניט געהאַט באַוויזען איינצופלאַנצען בוימער ארום זייערע הייזער: און דאָרט, וואו מען האָט זיי געפלאַנצט, האָבען זיי נאָך ניט באַוויזען אויפצוואַקסען. איז דאָס דאָרף געלעגען אויפ׳ן באַרג, נאַקעט און אָפען קעגען דער זון, וואָס האָט שטענדיג געברענט אָהן רחמנות.

די פּאַרמערס האָבען זיך איינגעטיילט מיט דער אַר־

בייט ארום דער שולע. יעדער איינער מאַנסביל האָט גע־דאַרפט אַריינלייגן אַ גלייכן חלק אַרבייט, און ווער עס האָט ניט געקענט, אָדער האָט גראָד קיין צייט ניט געהאַט ווען זיין רייה איז געקומען, האָט געקענט שיקן אַן אַנ־דערן אויף זיין אָרט.

די שולע האָט זיך געבויט אינגאַנצן פון האָלץ. בלויז דער פונדאַמענט איז געווען פון קאָנקריט, וואָס די פאַר־מערס האָבן אַליין געמישט מיט זאַמד און מיט קליינע שטיינדלעך און דאָס געגאָסן אין הילצערנע פורעמס. דער עולם האָט זיך געפלייסט ביי דער אַרבייט, געוואָלט אָנ־יאָגן, אַז די שולע זאָל פאַרטיק ווערן צום סוף זומער, ווען די קינדער דאַרפן ווידער אָנהויבן לערנען. די על־טערע און פרומע האָבן דערביי געהאַט ביי זיך אין האַר־צען נאָך אַ שטילע כונה — צו מאַכן אין דער שולע אַ מנין אויף ימים נוראים. אָבער וועגן דעם האָט מען דער־ווייל אין דער הויך ניט גערעדט.

איינמאָל האָט לאה געכאַפּט אַ שפּאַציר צו דער שולע. ס'איז געווען ניט ווייט, און דער טאָג איז געווען אַ ליע־בער, אַ היים־זומערדיגער, און ס'איז דעמאָלט געווען ליי־בע'ס טאָג פון אַרבייט. האָט אסנת איינגעפּאַקט אין אַ קוישעל אַ לייכטן מיטאָג, האָט עס געגעבן לאה'ן אין דער האַנט, און לאה, נעהמענדיג מיט זיך די קליינע עטעלע, איז אַוועק אַהין.

לייבע האָט געאַרבייט אויפ'ן דאַך. ער האָט אויסגע־לייגט די ברעטער, איבער וועלכע מען האָט געדאַרפט קלאַ־פּען די שינדלען, און בענדער, דער גרויסער און ברייט־ביינערדיגער, מיט דעם היבשן בערדעל, וואָס ער האָט אַ גאַנצן זומער קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוגאָלן, האָט

זיי אונטערגעכאפט, אוועקגעלעגט וואו מ׳דארף, אפגעשני־טען מיט דער זעג וואו ס׳איז נויטיג געווען, צוגעפאסט און צוגעקלאפט מיט טשוועקעס. דערזעהענדיג לאה׳ן, איז ער ארונטערגעקומען דורך א שמאלער לייטער, האט א קוש געטאהן דער קליינער עטעלע, און זיך געזעצט עסען זיין מיטאג. בענדער האט זיך אויך אוועקגעזעצט לעבען זיי. האט געקייט א שטיק שווארץ ברויט, פארטרונקען מיט קאלט־וואסער, און האט דערנאך זיך אויסגעצויגען קעגען דער זון און צוגעמאכט די אויגען.

פארמערס זיינען דורכגעפאהרען, האבען זיך אויף א ווײלע אפגעשטעלט ביי דער שולע, געלויבט די ארבייט, און גערעדט וועגען דער נאהענטער צייט ווען זי וועט פאר־טיג ווערען און פון דעם שפיץ דאך וועט ארונטערפלא־טערען די געשטרייפטע אמעריקאנער פאהן. וואס מען וועט זי קענען אנזעהן אויף מיילען ווייט. לאה האט געקענט כמעט יעדען איינעם פון זיי, איז געווען מיט זיי באפריינ־דעט און האט מיט יעדען באזונדער געפונען פון וואס צו רעדען. זי האט זיך נאכגעפרעגט וועגען דער ארבייט אויפ׳ן פעלד, וואס די ווייבער טהוען, און צי די קינדער זיינען געזונד.

זי איז פארכאפט געווארען פון דעם פרישען לעבען. וואס האט זיך געצאפעלט און זיך געוועבט ארום דער שולע, וועלכע האט דערווייל געהאט ניט מעהר ווי פיער ווענט און א האלבען דאך. זי האט געזעהן מיט וואס פאר א ליעבשאפט די ארבייט ווערט געטאהן, און מיט וויפיעל האפנונגען די פארמערס ווארטען אויף איהר פארטיג ווע־רען. און דערפאר האט זי אפטער אנגעהויבען קומען אהין. אפילו ווען לייבע האט שוין דארט ניט געארבייט. אמאל

האט זי עמיצען צוגעבראַכט אַ מיטאָג, און אַמאָל איז זי גלאַט אַזוי געקומען, זיך אַוועקגעזעצט ביי דער זייט אויף אַ שטיין, און צוגעקוקט ווי די ארבייט וואַקסט.

איינמאָל, אין אַ טאָג, ווען דער פּאַרמער קליין האָט ־אָרט געאַרבייט, האָט זיך צווישען איהר און קליינ׳ען פאַרפיהרט אַ לענגערער שמועס. קליין האָט אויף איהר אַלע מאָל געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. זי האָט אין איהם געזעהן אַן ערנסטען, איבערגעגעבענעם מענשען. ער איז געווען ערנסט אין זיין ארבייט אויפ׳ן פעלד, אַזוי ווי ער וואָלט דורכאויס געוואָלט באַווייזען די גוי׳עשע פאַרמער־שכנים, אַז אידען קענען אויך די מלאכה פון ערד־ארבייט. און אַזוי ערנסט איז ער אויך געווען אין זיין ארבייט ביי דער שולע. ער האָט געזעהן אין דער שולע ניט נאָר אַ פּלאַץ וואו די קינדער וועלען זיך לערנען די ענגלישע שפּראַד און די געשיכטע פון אַמעריקא, נאָר וואו די קינדער וועלען אויך לערנען אידיש, און די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק.

— וואָס מיר וואָלטען געדאַרפט — האָט ער געזאָגט צו לאה׳ן — איז אַ גוטען אידישען לעהרער. אַ מענש, וואָס זאָל זיין איבערגעגעבען צו דער ערציהונג פון אונזערע קינדער.

לאה האָט געענטפערט, אַז זאָל נאָר די שולע פאַרטיג ווערען, וועט זיך שוין אַ לעהרער געפינען. פאַר אַ נויט, האָט זי געזאָגט, קען מען איינעם באַציהען פון נויאָרק. פאַראַן דאָרט גענוג.

— און ווי וואָלט געווען, — האָט קליין איהר איי־בערגעשלאָגען — אַז איהר זאָלט זיין אונזער לעהרערין?

לאה איז געוואָרען איבערראַשט. אַזאַ זאַך איז איהר

גאר קיינמאל ניט איינגעפאלען. זי האט אין דער מינוט ניט געוואוסט וואס צו זאגען, יא, צי ניין. און אייגענטליך האט קליין פון איהר קיין ענטפער ניט געמאנט, יעדענ־פאלס ניט גלייך, איצט. אבער ביי לאה׳ן האט דער דאזיגער אנבאט ארויסגערופען א מאדנעם געפיהל און א פלאנטער־ניש פון געדאנקען. אפשר טאקע יא? פארוואס ניט? מעג־ליך, אז זי וואלט געקענט זיין א גוטע לעהרערקע. זי האט געקענט אלע קינדער פון דארף. אלע קינדער האבען זי גע־קענט און האבען זי ליעב געהאט.

און זי האט א טראכט געטאהן, ווי שעהן עס וואלט געווען אזא ארבייט, און ווי אינטערעסאנט... א לעהרערין אין א אידיש דארף. מיט דער צייט וועט דא ווערען איהר היים, וועט פארגעסען אז דער ווייטער, גרויסער שטאדט מיט איהר טומעל און מיט דער שטענדיגער נויט און אומ־פארמיידליכער ארבייט אין די ענגע, פארשטיקטע פאבריי־קען. זי האט געטראכט און געשמייכעלט צו זיך אליין.

לאזאר איז פארבייגעפאהרען לעבען דער שולע, און דערזעהענדיג פון ווייטען לאה׳ן, האט ער אפגעשטעלט זיין פערד, און איז צוגעקומען.

— איז וואס מאכט מען? — האט ער געזאגט שטיל און ווייך, ווי זיין שטייגער איז געווען, און האט איהר פעסט א דריק געטאהן די האנד.

לאה האט זיך פארלוירען. איהם האט זי דא ניט ער־ווארט. די לעצטע צייט האט זי איהם ניט אפט געזעהן. לאזאר איז געווען פארנומען אויפ׳ן פעלד, און צו איהם אין הויז איז זי ניט געקומען. זי האט פארנומען קלאנגען, אז צווישען לאזאר׳ן און זיין ווייב זיינען פארגעקומען סצע־נעס. זי האט ניט געוואוסט, צי איז זי געווען שולדיג אין

דעם אדער ניט, נאר זי האט געפיהלט, אז צו לאזאר'ן איז הויז דארף זי ניט געהן.

דאס בלוט האט היים א שטראם געטאהן דורך איהר קערפער. לאזאר'ס האנד האט זי געגלעט און געבריהט. זי האט לאנגזאם איהר האנד ארויסגעצויגען פון זיינער, אזוי ווי זי וואלט דערפיהלט, אז שארפע אויגען קוקען אויף איהר פון הינטער די ווענט פון דער שולע.

— איך קום ביינאכט צו אייך אויף וועטשערע — האט לאזאר געזאגט אין א ווייל ארום, און האט א קוק געטאהן אויף איהר מיט א דורכדרינגענדען בליק.

לאה האט א ציטער געטאהן. זי האט ניט געוואוסט צי דאס איז געווען א ציטער פון פרייד אדער א ציטער פון שרעק. זי האט זיך אנגעשטרענגט צו זיין קאלטבלוטיג און מיט א לייכטען שמייכעל האט זי איהם געענטפערט:

— איהר וועט אלע מאל זיין א חשוב'ער גאסט — ביי אסנת'ען.

דאס לעצטע ווארט האט זי, אזוי ווי ניט ווילענדיג, שטארקער א דריק געטאהן.

— וואס עפעס ביי אסנת'ען? — האט ער איבער־געפרעגט. — און ביי אייך ניט?

לאה האט געשמייכעלט. וועטשערע, האט זי געזאגט, מאכט דאך אסנת, ניט זי.

— מיר דאכט, אז איהר זיינט היינט ניט גוט גע־שטימט — האט ער באמערקט.

— פארוואס עפעס? ניין. פארקעהרט... — זי האט זיך דערשראקען פאר'ן געדאנק, טאמער האט זי איהם וועה געטהאן און באליידיגט.

א ווייל איז לאזאר געשטאנען אהן ווערטער. דער־

נאָך האָט ער זיך אומגעדרעהט אוועקצוגעהן. די שקאַפּע וואָס איז געווען געשפּאַנט אין זיין לייכטען שפּאַציר־וועגעלע, האָט געהירזשעט און אונגעדולדיג געגראַבען מיט די פיס די ערד אונטער זיך. נאָר איידער ער האָט זיך גע־זעגענט, האָט ער נאָך אין א כמעט־שטילען טאָן א זאָג געטאָהן צו לאה'ן:

— ווייסט איהר, אַז איך בלייב אליין?

זי האָט א קוק געטאָהן אויף איהם פאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט אליין?

לאַזאַר האָט איהר דערצעהלט, אַז בעסי און די קינדער פאָהרען אוועק.

לאה איז געשטאַנען א צעטומעלטע, אזוי ווי זי וואָלט מיט אמאָל דאָס לשון פארלוירען. אין איין אויגענבליק זיי־נען איהר דורכ'ן קאָפּ דורכגעלאָפען פארשיעדענע מאָדנע געדאַנקען, טונקעלע און צעמישטע, און אלע האָבען זיי געהאַט א שייכות צו די קלאַנגען וואָס זי האָט געהערט, אַז ביי לאַזאַר'ען אין הויז זיינען פאָרגעקומען סצענעס... זי האָט געפיהלט ווי די פיס האַקען זיך איהר אונטער און אַז אָט־אָט, וועט זי א פאַל טאָהן צו דער ערד ווי א קלאָץ.

— איך פארשטעה ניט... איך פארשטעה ניט... — האָט זי נאַכאַנאַנד געשטאַמעלט — גאָר פלוצים... אזוי אומגעריכט.

לאַזאַר האָט געשמייכעלט. א קרומע מינע האָט זיך צעלעגט אויף זיינע ליפּען. פאַר איהם, הייסט עס, איז עס גאָר ניט אזא אומגעריכטע זאַך. פריהער אָדער שפּעטער. האָט ער געוואוסט, וועט זיך איהר פארגלוסטען אוועקצו־פאָהרען צו טאַטע־מאַמע. דערנאָך, אַז ס'וועט איהר דאָרט

מיאוס ווערן, וועט זי אפשר צוריקקומען.... ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל. — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

לאה האָט זיך דערנאָך בשום אופן ניט געקענט דער־מאָנען ווען לאַזאַר האָט זיך געזעגענט און איז אַוועקגע־פאָהרען, און ווען זי איז אַוועק אַהיים. עפּעס איז דער אי־בעריגער טייל פון יענעם טאָג אריבער ווי א חלום. זי האָט געהאַט א קאָפּ וועהטאָג. דאָס הארץ האָט שטאַרק גענאָגט און האָט מורא'דיג שנעל געקלאַפּט. זי האָט דערפיהלט א שטעכעניש אין דער זייט — צום ערשטען מאָל פאר'ן גאַנ־צען זומער צייט. זי האָט זיך געהיט, אז אסנת זאָל עס ניט באַמערקען, און האָט איהר אפילו ניט דערצעהלט, אז לאַזאַר וועט קומען צו וועטשערע.

אבער לאַזאַר איז סיי ווי ניט געקומען. אומזיסט איז זי געווען אומרוהיג, און אומזיסט האָט זי געוואַרט. אומ־זיסט האָט זי זיך געהיט פאַר אסנת'ן. אסנת האָט פון פריהער שוין געוואוסט, אז בעסי פאָהרט אַוועק.

לאה איז געווען אומרוהיג. דאָס הארץ האָט אַלץ מעהר גענאָגט און געצויגען. עס האָט געביינקט און געגאַרט, אז לאַזאַר זאָל קומען, און האָט זיך געשראָקען און געצאַפּעלט. טאָמער קומט ער... ניין. בעסער זאָל ער זיין אין דער היים. מיט ווייב און קינדער...

און אפשר, גאָט אין הימעל, איז עס איהר שולד, וואָס בעסי פאָהרט אַוועק? אבער וואָס אַזוינס האָט זי דען גע־טאָהן? זי האָט דאָך אויסגעמיטען אפילו צו באַגעגענען איהם... אמת, דאָס הארץ איהר'ס איז די גאַנצע צייט אויסגעגאַנגען פון בייִנקשאַפט... אבער ווער האָט דען גע־וואוסט פון דעם?... אפילו פאַר אסנת'ען האָט זי דאָך

איהר וועהטאָג באַהאַלטען.

זי האָט קוים דערלעבט די מינוט ווען מען האָט אָפּ־געגעסען. זי האָט ניט, ווי איהר שטייגער איז געווען, גע־האָלפען אסנת'ען אויפרוימען אין קיך. זי איז גלייך אוועק אין צווייטען חדר און זיך אַ וואַרף געטאָהן אויף איהר גע־לעגער. דאָס האַרץ האָט מורא'דיג געשלאָגען. די שלייפען האָבען געהאַמערט און אַ שוויים האָט באַדעקט איהר שטע־רען. זי איז געלעגען שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגען, און האָט זיך צוגעהערט צום נאָגען פון איהר האַרצען און צו דער שטעכעניש אין דער זייט, וואָס איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער. זי האָט ביסלעכווייז פאַרלאָרען דעם פאָדעם פון איהרע געדאַנקען. אַלץ האָט זיך אַ מיש געטאָהן פאַר איהרע אויגען, און זי איז געבליבען ליגען שוואַך־אָטע־מענדיג.

ווען זי איז געקומען צו זיך און האָט געעפענט די אויגען, האָט זי אַזוי ווי אַ דערשראָקענע געקוקט אַרום זיך און ניט געוואוסט וואָס מיט איהר טהוט זיך.

אסנת איז געזעסען לעבען איהר בעט און געהאַלטען זי ביי דער האַנד. זי האָט זיך דערמאָנט וואו זי איז, האָט זיך צוגעטוליעט צו דער חבר'טע, באַהאַלטען דעם קאָפּ אין איהר שויס, און שטיל, אין זיך, געוויינט.

אסנת האָט זי געגלעט איבער'ן קאָפּ און פון איהרע אויגען זיינען אַרונטערגערונען אַ פּאָר טרעהרען. אין שטי־בעל איז געווען שטיל. עס האָט זיך געהערט דאָס אָטעמען פון די קינדער און פון לייבע'ן, וועלכע זיינען געשלאָפען אין צווייטען חדר.

קאפיטעל זיבען

א

אין א שעהנעם נאכמיטאג איז בעסי מיט די קינדער אוועקגעפאהרען. בעסי האט זיך מיט קיינעם ניט געזע־געגט, א חוץ מיט די גאר נאהענטע שכנה׳ס. זי איז געווען פארביסען די גאנצע וואך פאר׳ן אוועקפאהרען, און אזוי איז זי אויך געווען דעם לעצטען טאג.

לאזאר האט זי אוועקגעפיהרט צו דער באהן. קיינער איז ניט געווען ביים געזעגענען זיך פון מאן און ווייב, און קיינער האט ניט געוואוסט צי האבען זיי זיך צו־קושט ביים געזעגנען אדער ניט. מענשען האבען שוין די לעצטע צייט אנגעהויבען צו קוקען אביסעל קרום אין לא־זאר׳ס זייט, און שטילערהייט האט מען גערעדט, אז ער איז ניט גוט צו זיין ווייב.

לאזאר האט ניט געוואוסט וואס מ׳רעדט וועגען איהם. און אפשר האט ער יא געוואוסט, נאר ס׳האט איהם ניט געארט. צוריקפאהרענדיג פון דער באהן איז ער געווען גוט אויפגעלעגט, און די אויגען האבען אפילו געפינקעלט מיט

אן אומהיימליכען גלאנץ. ער האָט געלאָזט לויפען די לייכט־פוסיגע שקאַפּע און אַליין האָט ער זיך אויסגעשטרעקט איבער'ן וועגעלע און מיט אַ שמייכלענדיגען בליק געקוקט ארויף צום לויטער־בלויען הימעל. זיין בליק איז געווען פריי און לוסטיג, אזוי ווי ביי אן ארעסטאנט, ווען ער דערשפירט די פרייקייט, נאָך מאָנאַטען־לאַנג זיצענדיג פארשפּארט אין תּפיסה.

איצט איז ער געוואָרען אַ שטענדיגער גאַסט ביי לייבע'ן און ביי אסנת'ען. די גאַנצע פרייע צייט האָט ער דאָרט פאַרבראַכט. פאַרנאַכט, אזוי גיך ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער ארבייט אויפ'ן פעלד, האָט ער איינגע־שפּאַנט די שקאַפּע אין לייכטען וועגעלע, אָדער האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף זיין פלינקען רייט־פערד, און איז אוועק צו לייבע'ן. לאה האָט יעדען אווענט געוואַרט אויף איהם מיט אַ שטאַרק קלאַפּענדיגען הארצען.

אָפטמאָל האָט לאַזאַר זי ארויסגענומען אויף אַ שפּאַ־ציר, אַמאָל צופוס, און אַמאָל — פאָהרענדיג אויפ'ן וועגעלע. לאה האָט בעסער ליעב געהאַט צו שפּאַצירען צופוס. זיי־נען זיי, באַלד נאָך וועטשערע, ארויס אויפ'ן פעלד, פאַר־נומען זיך מיט'ן וועג ביז אויף יענער זייט פונ'ם שמאָלען וואַסער־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגען פון די בערג, ביז זיי זיינען ערגעץ פארשוואונדען געוואָרען אין די שאָטענס פון דער אָנקומענדיגער נאַכט.

לאַזאַר האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דעם דאָרף, וואָס איז געוואָרען זיין לעבענס־חלום. ער האָט פאַר איהר געמאָלען מיט די שענסטע בילדער דאָס לעבען, וואָס מ'וועט דאָ, אין דאָרף, לעבען ווען אַלץ וועט זיך בעסער

איינאָרדנען. ער האָט גערעדט וועגן דעם דאָזיגען דאַרף ניט בלויז ווי וועגען אַן אונטערנעהמונג פון אַ גרופּע מענ־שען, צו בויען פאַר זיך אַ היים, נאָר ווי אויף אַן ארבייט וואָס דאַרף באוויייזען דער וועלט, אז אידען קענען זיין פאַר־מערס. ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, האָבען זיך זיינע שוואַרצע אויגען אזוי ווי איבערגעצויגען מיט אַ פייכט־גלאַנציגען נעבעל, און זיין שטימע האָט געקלונגען צאַרט און פאַרטרוימט.

פון בעסי'ן האָט ער קיינמאָל אַ וואָרט ניט גערעדט. האָט אפילו איהר נאָמען ניט דערמאָנט, און לאה אליין האָט אויך אויסגעמיטען צו דערמאָנען איהר נאָמען, כאָטש איהר נעשטאַלט, מיט דעם בייזען שמייכעל אויף די דינע, פאַר־שלאָסענע ליפּען, איז אַלע מאָל געשטאַנען פאַר איהרע אוי־גען און — צווישען איהר און לאזאר.

צומאָל פלעגט לאזאר אָנהויבען רעדען פון זיין איינ־גען, מארק, וועמען ער האָט שטארק ליעב געהאַט. מארק איז שוין געווען אַ היבשער און פלעגט איהם שרייבען אָפטע בריוולעך. איינס פון די בריוולעך האָט ער אמאָל איבער־געלייענט פאַר לאה'ן, און זי האָט דערפיהלט, אז זי האָט איהם שטארק ליעב געקראָגען, דעם קליינעם מארק.

און מיט אמאָל האָט זיך צוריקגעקעהרט דער לעבעדי־גער גלאַנץ אין איהרע אויגען, און ווידער האָבען איהרע בלייכע באַקען גענומען זיך רויטלען. זי האָט ווידער גע־נומען לאַכען פריי און שטיפעריש, און אַ זינגענדיגע האָט זי דעם גאַנצען טאָג געהאָלפען אסנת'ען אין דער ארבייט. אסנת האָט שטיל צוגעקוקט די ענדערונג אין איהר חבר'טע. און האָט עפּעס דערשפּירט מיט אמאָל אַן אומהיימליכקייט.

וואָס זי האָט מיט קיין נאָמען ניט געקענט אָנרופֿען. פֿונ־דעסטוועגן, אַז לייבע האָט געפּרובט עפּעס זאָגן, האָט זי איהם אויסגעלאַכט.

לייבע איז אפּט געקומען צווישען די פּאַרמער־שכנים. פֿאַר איהם האָט מען זיך ניט געהיט מיט אַ וואָרט. נאָכ־מעהר, מ'האָט איהם אַ סך מאָל אפילו אויפגעוואָרפען פֿאַר וואָס לאַזאַר פּאַרברענגט אַזוי פיעל צייט ביי איהם אין שטוב. פֿריהער פלעגען זיי זאָגען מיט אַ ביזען ווינק פֿונ'ם אויג, איז ער גאָר אַזוי אָפּט צו איהם ניט געקומען.

לייבע'ן האָט יעדער וואָרט געשטאָכען אין האַרצען. ביידע זיינען זיי איהם געווען ליעב, אי לאַזאַר אי לאה, און ער האָט זיך געשראָקען, אליין ניט וויסענדיג פֿאַרוואָס. ער האָט באַמערקט, אַז די לעצטע צייט האָט דער עולם געקוקט קרום אויף לאַזאַר'ען, און ער האָט ניט געקענט וויסען צי איז עס דערפֿאַר וואָס ער פּאַרברענגט אַזוי אָפּט מיט לאה'ן, צי דערפֿאַר וואָס בעסי איז אוועקגעפֿאָהרען מיט די קינדער, צי דערפאַר וואָס לאַזאַר'ס פֿעהיגקייטען האָבען זיך מעהר ווי אַן אַנדערענס געוואָרפען אין די אויגען, און וואָס אפילו די קריסטליכע פּאַרמערס האָבען זיך אָנגעהויבען צו רעכע־נען מיט זיינע מיינונגען וועגען דער אַרבייט אויפ'ן פעלד.

לאַזאַר האָט אומבאַוואוסט געשפּירט, אַז עפּעס קומט פֿאַר אַרום איהם. ער האָט עס געשפּירט אין די בליקען, מיט וועלכע זיינע פריינד האָבען איהם באַגעגענט, און אין זייערע צווייטייטיגע רייד וואָס זיי האָבען אַזוי זיך, אין שפּאַס, גערעדט. ער האָט געלאַכט פֿון דעם, געלאַכט פֿון זיי, און אפילו פֿון זיך אליין, ווען אַן אומהיימליך געפֿיהל האָט זיך דערוועקט אין זיין האַרצען. ווען טהוט ער שלעכטס? מיט וואָס איז ער איצט ערגער געוואָרען ווי פריהער מיט

צוויי און מיט דריי חדשים? ס'איז קנאה, האָט ער זיך געזאָגט, ווייטער נישט.

לייבע האָט אַ סך מאָל געפיהלט ווי דורכצורעדען זיך מיט איהם וועגען דעם, אָבער ער האָט קיינמאָל קיין מוטה ניט געהאַט דערצו. און ער האָט טאַקע ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבען אַזאַ שמועס. וואָס קען ער איהם זאָגען, לאַזאַר'ען? אַז מענשען רעדען? ווייסט ער, אַז לאַזאַר לאַכט זיך אויס פון לייטישע רייד; רעדען מיט איהם וועגען לאה'ן? מיט וועלכען רעכט קען ער זיך אַריינמישען אין זיינע פיהרונגען, פאַר וועלכע נאָר ער אַליין, לאַזאַר, איז פאַראַנטוואָרטליך? און ניט קענענדיג רעדען מיט לאַזאַר'ען, האָט ער איינמאָל אָנגעהויבען צו רעדען מיט זיין ווייב וועגען די אַלע שווערקייטען, וואָס האבען זיך אָנגעקליבען אויף זיין הארצען.

— דו קענסט דיר גאָר ניט פאָרשטעלען, — האָט ער געזאָגט — צו וואָס אַזאַ פיהרונג קען ברענגען.

— נאַרישקייטען! — האָט אסנת געפּרובט זיך אויסלאַכען. אָבער זי אַליין האָט געפיהלט, אַז מיט דעם איינעם וואָרט האָט זי גאָר ניט געזאָגט. זי האָט געפיהלט די שווערקייט און די אומהיימליכקייט אין איהר אייגענעם הארצען, אָבער זי האָט עס ניט געוואָלט אַרויסצייגען פאַר'ן מאַן.

לייבע האָט ווידער אָנגעהויבען:

— ס'קען מיינען מעהר ווי אַ טראַגעדיע פאַר לאה'ן...

— וואָס מיינסטו? — האָט אסנת פאַרוואונדערט אַ פרעג געטאָהן.

— דאָס קען אַנריהרען דעם גאַנצען ישוב, — האָט לייבע געזאָגט.

— נאַרישקייטען! — האָט ווידער אסנת אויסגעשריען.

דאָס מאָל מיינענדיג טאַקע מיט אַן אמת, אַז דאָס, וואָס ליבע האָט ערשט געזאָגט, איז אַ נאַרישקייט.

— גוט, הער וואָס מענשען רעדען, — האָט ער געזאָגט. — דאָס דאַרף איז יונג, די מענשען זיינען נאָך אין זייערע ערטער ניט איינגעוואָרצעלט. די לייכטסטע פּאסירונג קען אַלץ איבערקעהרען און אַ תל מאַכען.

— דו רעדסט פאַרשטעלטע ווערטער, — האָט זי געזאָגט.

לייבע איז געוואָרען נערוועז, האָט אַ מאַך געטאָהן מיט דער האַנד און האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס. מעהר האָט ער שוין מיט זיין ווייב ניט געפּרובט רעדען וועגען דעם.

אַ שטילער, אַן אומעטיגער איז ער דערנאָך געזעסען ביים סאַפּער. געהערט די שפּאַסרייען פון לאַזאר'ן און דאָס שטילע געלעכטער פון לאה'ן. ער האָט געוואָלט מיטלאַכען און האָט ניט געקענט. ער האָט געזעהן אַזוי ווי אַ פייערדיגער שטראַהל וואָלט זיך איבערגעטראָגען פון לאַזאר'ס אויגען צו לאה'ס, און צוריק. און האָט געפיהלט ווי איהם ווערט הייס און ענג צו זיצען ביים טיש.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק מיעד, און איז אַרויס אויפ'ן הויף. דער אווענט איז געווען אַ מילדער און אַ שטילער. דער הימעל איז געווען טיעף און אויסגעשטערענט און איבער די שפּיצען פון די מזרח בערג איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען אַ גרויסע, פולע לבנה.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן גאַניקעל, פאַררויכערט די ליולקע און אַרויסגעלאָזען גאַנצע וואָלקענס מיט רויך פון די נאָז-לעכער. מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבען אַ הויב פונ'ם אָרט און האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט דעם אויער. עפּעס אַ שווער אָטהעמען האָט זיך דערהערט פון

דער שטאַל, און לייבע האָט דערפיהלט ווי אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זיין שטערן.

ער האָט געגעבען אַ לויף צו דער שטאַל, און זיין ערשטער געדאַנק איז געווען דאָס קעלבעל, לילי.

פאַרנאַכט האָט לאה, ווי אַלע מאָל, אַרויסגעלאָזען לילי'ן זיך פאַשען אויף דער גרין־שמעקענדיגער היי. לייבע האָט איהר אָנגעזאָגט עטליכע מאָל, אַז ס'איז געפעהרליך פאַר'ן קעלבעל, עס קען זיך איבערעסען מיט דעם פעטען גראָז, באַקומען גאַז אין מאָגען און אַוועקפאַלען. לאה האָט אָפּגעהיט, אַז דאָס קעלבעל זאָל מעהר ווי עטליכע מינוט ניט זיין אויפ'ן גראָז, נאָר לייבע איז אַלע מאָל געווען אומרוהיג וועגען דעם.

דאָס שווערע אָטעמען, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דער שטאַל, האָט אויף איהם אָנגעוואָרפען אַ שרעק. פונקט אַזוי שווער האָט דאָך געאָטעמט בענדער'ס רויט־געפלעקטע קוה, ווען זי האָט זיך אָנגעגעסען מיט גרינער היי און האָט געפּלאַצט...

מיט אימפּעט האָט ער אַן עפען געטאָהן די טיר און ס'האָט אויף איהם אַ שלאָג געטאָהן מיט אַ וואַרעם פאַרשטיקטען ריח, וואָס האָט זיך געטראָגען פון אינווייניג. דאָס קעלבעל האָט זיך געגעבען אַ ריס פונ'ם שטריק, מיט וועלכען ס'איז געווען צוגעבונדען צום רינג, און איז, ווי אונטערגעשאָסען, אַרויסגעלאָפען אויפ'ן הויף.

לייבע איז אַרוים נאָכ'ן קעלבעל, האָט עס געוואָלט אָנכאַפּען ביים אָפּגעריסענעם שטריק, וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף דער ערד און האָט ניט געקענט. ביים ליכטיגען שיין פון דער לבנה האָט ער דערזעהן ווי ביים קעלבעל איז דער בויך געוואָרען אומגעוועהנליך גרויס און אויפגעבלאָזען.

ס׳האט געעפענט דאס מויל, ארויסגעשטעקט די פייכט־גלאנציגע צונג, און איז ארומגעשפרונגען רעווענדיג, אזוי ווי זוכענדיג אביסעל לופט.

לייבע איז געווארען פארצווייפעלט און האט זיך מיטביידע הענד א כאפ געטאהן ביים קאפ. אויפ׳ן ערשטען אוי־גענבליק האט ער ניט געוואוסט וואס צו טאהן, דערנאך האט ער מיט אימפעט געגעבען א לויף צו דער טיר, און גענומען שרייען ניט מיט זיין קול:

— גיכער, קומט ארויס, דאס קעלבעל איז פארביי.

פון אינווייניג האט זיך געטראגען דאס זעלבע געמיט־ליכע געלעכטער ווי פריהער. לאזאר האט עפעס דערצעהלט, געוויצעלט זיך און געלאכט. אסנת האט געהאלטען אין ארונ־טערנעהמען די טעלער פון טיש, און די קינדער, עטעלע און וועוועלע, האבען איינגעדרעמעלט אויף זייערע ביינקלעך.

לייבע׳ס געשריי האט זיי אלעמען אויפגעוועקט אזוי ווי פון שלאף, און אלע, אפילו די קינדער, זיינען דערשרא־קענע ארויסגעלאפען אויפ׳ן הויף.

לייבע האט דערווייל אנגעכאפט דעם שטריק, וואס איז געווען צוגעבונדען צו לילי׳ס האלז, און האט גענומען שלע־פען דאס קעלבעל צוריק צו דער שטאל. א שוויים האט איהם באשלאגען און די אויגען אין קאפ האבען זיך איהם געדרעהט ווי ביי א צעדולטען.

לאזאר איז צוגעלאפען און האט איהם געהאלפען. ער האט באלד דערזעהען וואס מיט׳ן קעלבעל איז געשעהן. ער האט געהייסען ניט אריינפיהרען עס צוריק אין שטאל, נאר האלטען עס אין דרויסען, אויף דער פרישער לופט. אסנת׳ען האט ער געהייסען ברענגען א פלאש זויער־מילך, און אליין האט ער ארויסגענומען פון דער קעשענע א שארף, גלאנציג

מעסערל. אין ערגסטען פאל איז עס דאָס בעסטע מיטעל — דורכשטעכען אַן אדערל, און ארויסלאָזען דעם גאַז, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין מאָגען.

לאה האָט ארויסגעלאָזען אַן אונטערדריקטען געשריי און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָהן מיטביידע הענד ביים האַרץ. אַ דערשראָקענע און אַ פארצווייפעלטע איז זי געבליבען שטעהן ביי דער זייט, פיהלענדיג ווי די פיס האַקען זיך איהר אונטער.

אסנת, מיט אַ פארשטעקט פארטוך און מיט אַ צור־שראָקענעם בליק, איז געקומען צו לויפען פון קיך מיט אַ פלאַש זויער־מילך, נאָר בעת זי איז נאָך געווען אין מיטען וועג, האָט זיך דאָס קעלבעל ווידער אַ ריס געטאָהן אין דער הויך, האָט אַ שפרונג געטאָהן און ארויסגעלאָזען אַ רעווע, און איז אוועקגעפאלען אויף דער ערד. אַ ווײַלע האָט עס געוואָרפען מיט די דינע פיס, געדריגעט מיט זיי אין דער לופט, דערנאָך איז עס געבליבען ליגען שטיל, מיט גרויסע, גלעזערנע, אָפען־געבליבענע אויגען, און מיט די פיס פאַר־ריסען אין דער הויך.

לאַזאר האָט רוהיג פארמאַכט דאָס מעסערל און האָט עס צוריק אריינגעלעגט אין קעשענע, און לייבע איז געבלי־בען שטעהן מיט אַן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ, אזוי ווי אַ פאר'משפט'ער. ביי אסנת'ען איז די פלאַש זויער־מילך ארויסגעפאלען פון די הענט און האָט זיך צעבראָכען.

אויף דעם ערשטען אויגענבליק האָבען זיי אלע פאַר־געסען אַן לאה'ן, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי דער זייט. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ היסטערישער געשריי, וואָס האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען פון האלז.

און ווי גרוים זי איז, איז זי אוועקגעפאלען אויף דער ערד, ניט ווייט פונ׳ם קעלבעל.

דער איינציגער, וואס איז געבליבען שטעהן אומבא־וועגט אויף זיין ארט, איז געוועזן לייבע. אסנת און לאזאר האבען זיך א ווארף געטאהן צו לאה׳ן און זי גענומען מינטערען.

לאה איז א ביסעל געקומען צו זיך און האט מיט ווילדע אויגען נעקוקט ארום זיך. איהר בליק איז געפאלען אויפ׳ן קעלבעל, וואס איז געלעגען ווי א גרויסער, אויפגעשוואלע־נער בארג אנטקעגען דער שיין פון דער לבנה, און ווידער האט זי פארווארפען דעם קאפ מיט א קוויטש. אסנת און לאזאר האבען זי אריינגעפיהרט אין שטוב, אריינגעלעגט אין בעט, און געבליבען וואכען לעבען איהר די גאנצע נאכט.

לאה האט זיך געווארפען אין היץ און אין קעלט און האט ניט אויפגעהערט צו וויינען. אבער קיינער, חוץ לא־זאר אפשר, האט ניט געוואוסט דעם אמת׳ען באדייט פון איהר היסטערישען אנפאל.

קאפיטעל אכט

עס זיינען אָנגעקומען די סוף־זומער טעג, און דאָס פעלד און דאָס גאַנצע דאָרף האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען. דער האָבער איז געווען אָפּגעשניטען און איז געשטאַנען אין געבונדענע סנאָפּעס אויפ'ן פעלד. פון צווישען די געלע שטעכעלקעס, וואָס זיינען פארבליבען פון דעם אָפּגעשניטענעם האָבער, האָט ארויסגעקוקט די געל־פארדארטע ערד, וואָס האָט געדורשט נאָך א ביסעל וואסער. די לופט איז אַלץ געווען אזוי טרוקען און אזוי הייס ווי דעם גאַנצען זומער, נאָר ארום די בערג האָבען זיך געקליבען לייכט־גרויע וואָלקענס, — אַן אָנזאָג, אַז די פריהע סעפּטעמבער רעגענס זיינען שוין ניט ווייט.

דאָס דאָרף האָט געאָטעמט מיט סוף־זומערדיגקייט, און די לופט האָט געשמעקט מיט ערב די אידישע ימים טובים. דער עולם איז געווען שטארק פארפּארעט, אי אויפ'ן פעלד

אי ארום דער שולע, וואָס איז שוין געווען כמעט אינגאַנצען פאַרטיג, און מען האָט זיך שוין געגרייט צו עפענען זי מיט פּאַראַד. מען האָט געשמועסט, אַז די „קאונטי" האָט שוין באַשטימט אַן עלטערען מאַן, אַ פּראַקטישער לעהרער, אַלס „פּרינסיפּאַל".

ביי די מיטינגען, וואָס זיינען נאָך אַלץ פאָרגעקומען ארום דער „גרעינערי", ביז די שולע וועט אינגאַנצען פאַרטיג ווערען, האָט מען גערעדט וועגען דעם ווינטער, וואָס רוקט זיך אָן, און וועגען דעם, אַז דער עולם דאַרף באַציי־טענס אנהויבען פאָהרען אין די בערג, כל זמן ס'איז נאָך טרוקען, און זיך פאַרגרייטען מיט האַלץ צום הייצען. מ'האָט גערעדט וועגען דינגען אַ דרעש־מאַשין, וואָס זאָל אויסדרע־שען די גאַנצע תבואה, דעם ווייץ און דעם האָבער, וואָס די פאַרמערס האָבען דורכ'ן זומער ארונטערגענומען פון פעלד, און מ'האָט גערעדט וועגען קריגען אַ קונה, וואָס זאָל אָפּ־קויפען די גרויסע סטויגען היי, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די הויפען, און וואָס די פאַרמערס האָבען פאַר זיך ניט באַדאַרפט.

די לעצטע צייט איז לאַזאַר ביי די דאָזיגע מיטינגען געווען כמעט אינגאַנצען אַ זייטיגער מענש. ער האָט געקוקט מיט אַ קרום שמייכעלע ארום זיך, אזוי ווי ער וואָלט אפגע־שפּעט פון די מענשען, וואָס האָבען איהם צוגעוואָרפען בייזע בליקען. איצט האָט ער שוין געוואוסט, אַז „מ'רעדט". גוטע פריינד האָבען עס צוגעטראָגען צו זיינע אויערען, און ער האָט באַמערקט ביי די מיטינגען, אַז אַלע וויכטיגע אַרביי־טען, וואָס פלעגען געוועהנליך איבערגעלאָזט ווערען אויף זיינע הענט, זיינען אוועקגעגעבען געוואָרען צו אַנדערע. לאַזאַר האָט ווידער קרום געשמייכעלט. אַ סך וועלען זיי אויפ־

טאָהן אָהן איהם !...

— דער עיקר וואָס מיר דאַרפען אין זינען האָבען — האָט איינמאָל געֿטענה'ט דער פאַרמער קליין ביי אַ מי־טינג — איז, אַז אונזער דאָרף איז נאָך זעהר יונג, קען נאָך ניט שטעהן אויף די אייגענע פיס, און דאַרף אָפטמאָל אָנ־קומען צו דרויסענדיגער הילף. היינטיגס יאָהר איז ביי אונז דאָס ברויט געראָטען, און דאָך וועלען מיר ניט האָבען גענוג צו צאָהלען אונזערע חובות און דורכצולעבען דאָס גאַנצע יאָהר. מוזען מיר זיך דערפאַר אָפּהיטען, אויפפיהרען זיך לייטיש, כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון גוטע מענשען, און ניט האָבען צו טאָהן מיט אַזעלכע, וואָס פאַרגעסען ווער זיי זיינען, וואו זיי זיינען, און אַז זייער יעדער קרומער טריט קען אומברענגען דעם גאַנצען ישוב.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט קליין צוגעוואָרפען אַ בייזליך־שפּיציגען בליק אין לאַזאַר'ס זייט. נאָר לאַזאַר האָט גאָר געקוקט אויפ'ן ווייטען פעלד און דאָס שפּאַ־טישע שמייכעלע איז אַלץ ניט אַרונטער פון זיינע ליפּען. מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער האָט ניט געהערט אַ וואָרט פון דעם וואָס קליין האָט גערעדט.

ער האָט אָבער יאָ געהערט. ס'איז איהם אפילו וואַרעם געוואָרען אין יעדען אבר, און ער האָט געפיהלט ווי זיין שטערען איז באַדעקט געוואָרען מיט אַ קלעפּיגען שוויים. ער האָט געפיהלט ווי די פּלייצע זיינע ווערט דורכגעשטאָ־כען פון שאַרפע בליקען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און ניט הערענדיג, און נאָכ'ן מיטינג האָט ער, ווי אַלע מאָל, געשפּאַסט און געוויצעלט זיך מיט די באַ־קאַנטע, און איז דערנאָך אַוועג זיין וועג — צו לאה'ן. מענ־שען האָבען איהם נאָכגעקוקט און געהויבען מיט די אקסלען.

לאה האָט אַלע מאָל געוואַרט אויף איהם מיט אַ קלאַ־פּענדיגען הארצען און מיט בייַנקענדיגע אויגען. אַן אומרו־היגקייט האָט זיך באַהאַלטען אין איהר בליק, און אָפּטמאָל האָט זי געפיהלט ווי דאָס הארץ צאַפּעלט זיך עפּעס מורא־דיג, אַזוי ווי אין ערוואַרטונג פון גרויסע פּאַסירונגען, וואָס זי קען ניט וויסען צי וועלען זיי איהר ברענגען פרייד אָדער טרויער. זי איז ווידער געוואָרען שטיל, אַזוי ווי אייַנגע־שלאָסען אין זיך און אַזוי ווי באַהאַלטענדיג עפּעס פון זיך און פון אַנדערע. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אַזוי ווי ציי־לענדיג די טריט, און קוקענדיג אַרום זיך אַזוי ווי איינער וואָס האָט מורא אַז מ'שפּירט איהם נאָך. צומאָל, ווען זי איז געווען אַליין אין הויז, פלעגט זי זיך אָפּשטעלען בײם שפּיגעל, קוקען אויף די בלויע רינגען, וואָס האָבען זיך מיט אַמאָל גענומען טונקלען אַרום איהרע אויגען; אויף די רויט־ליכע פלעקען, וואָס האָבען זיך באַוויזען אויף איהרע באַקען, און אויף איהר דינער פיגור, וואָס, האָט זיך איהר געדאַכט, האָט אָנגעהויבען פולער און רונדער ווערען.

אסנת איז געווען די אייַנציגע פּאָר וועמען לאה האָט קיין סוד ניט געהאַט, און פאַר וועמען זי פלעגט אָפט אויס־וויינען איהר הארץ. אין די שטילע נעכט, בעת לייבע און די קינדער זייַנען פעסט געשלאָפען און לאזאַר איז שוין לאַנג געווען אוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים, פלעגען ביידע חבר־טעס זיצען אויפ'ן גאַניקעל און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט לאה באַהאַלטען דעם קאָפּ אין אסנת'ס שויס און זיך באַגאָסען מיט הייסע טרערען. דעמאָלט פלעגט זי שוין כמעט גאָר ניט רעדען, נאָר אויפהויבען איהר שטומען בליק אויף דער חבר'טע, בעת די ליפּען האָבען שטיל גע־שעפּטשעט: וואָס וועט זיין? וואָס וועט איצט זיין?

— דו דאַרפסט אוועקפאַהרען — האָט אסנת איהר געגעבען צו פאַרשטעהן. — דאָ וועסטו לאַנג ניט קענען בלייבען.

— וואוהין פאָהרען? צו וועמען פאָהרען? — האָט לאה געפרעגט מיט אַ בעטענדיגען בליק, אזוי ווי זי וואָלט זיך געבעטען ביי דער חבר'טע, אַז זי זאָל זי ניט פאַרטריי־בען פון דעם איינציגען ליכטיגען ווינקעלע, וואָס זי האָט גע־פונען אויף גאָט'ס וועלט.

— איך וויל קיינעמס גליק ניט שטערען — האָט זי געזאָגט צו אסנת'ען. — איך מאָן ניט פון קיינעם און פאַר־לאַנג ניט גאָר ניט... נאָר אַ ביסעלע גליק, אַ ביסעלע ווארימ־קייט... איין ליכטיגען בליק זיינעם... איין ליכטיגען שטראהל פון זיינע אויגען...

זי האָט אָנגעהויבען אויסמיידען מענשען און האָט זיך זעלטען באַוויזען צו אַ מיטינג. זי האָט זיך געשראָקען, טאָ־מער זעהט מען עפּעס אויף איהר, טאָמער באַמערקט מען עפּעס אויף איהר. דאָס בלייבען אָפּט אַליין האָט נאָך מעהר אומעט אָנגעיאָגט אויף איהר, און איהר איינציגע טרייסט זיינען געווען די אָוונדען, ווען לאַזאר איז געקומען, און זיי פלעגען צוזאַמען שפּאַצירען אויפ'ן וועג, וואָס האָט זיך גע־צויגען הינטערען דאָרף, ווייט אויף יענער זייט פון דעם שמאָלען וואַסער־שטראָם.

א נייַ לעבען איז געקומען אויף איהר, ווען זי האָט גע־פיהלט לאַזאר'ען לעבען זיך. זי האָט זיך פעסט אָנגעקלאַ־מערט אַן זיין אָרעם, אזוי ווי זוכענדיג שוץ ביי איהם. זי האָט געקוקט אין זיינע שווארצע אויגען און האָט געטרונקען פון זיי מיט אַ דורשטיגקייט אין איהר יעדען אבר. געהענדיג מיט לאַזאר'ען איז יעדער מינדסטער שרעק ערגעץ פאַר־

שוואונדען, און זי האָט ניט געפרעגט מעהר „וואָס וועט איצט זיין?" זי האָט אפילו ניט באמערקט, אז די לעצטע צייט איז לאזאר געוואָרען א ביסעל אומרוהיג און איז אָפט געבליבען שטיל־פארטראכט אין מיטען רעדען.

זי האָט אָבער יא געזעהען און געפיהלט די בליקען מיט וועלכע לייבע האָט אויף איהר געקוקט. דאכט זיך לייבע איז איהר פריינד, ניט ווענינגער ווי אסנת, און דאָך האָט זי גע־פיהלט אזוי ווי אין זיין שווייגען און אין זיין שטומען בליק, וואָס ער האָט אָפט אָפגעווענדט אָן א זייט ווען ער האָט זי באגעגענט, וואָלט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז זיין איי־גענער געפיהל צו איהר, נאָר אלץ וואס די מענער און פרויען פון דארף האבען געפיהלט צו איהר. זי האָט זיך ארומ־געזעהן, אז דאָס קליינע דארף איז ניט די גרויס־שטאָדט. דאָ מוז מען זיך באגעגענען פנים אל פנים מיט יעדען איינציגען מענשען, און אז מען קען פון קיינעם קיין סוד ניט באהאלטען.

ניין. זי איז ניט בייז געווען אויף די דאָזיגע מענשען. זיי האָבען זי ניט פארשטאַנען. ניט געקענט באגרייפען וואָס זי לעבט איבער, און ווי איהר הארץ, אויסגעטריקענט פון יאָהרען־לאַנגען לעבען אין דער גרויסער שטאָדט און אין די פאר'חשב'טע שעפער, האָט געביינקט און געלעכצט נאָך א רגע גליק; אבער זי האָט זיי בעסער פארשטאַנען, און האָט זיי מוחל געווען.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון דעם גרויסען יום טוב — דאָס אויפעפענען פון דער שולע. ס'איז געווען סוכות צייט. דער עולם האָט זיך פון גאנץ פריה געפיהלט יום־טוב'דיג אויפגעלעגט און מען האָט זיך באצייטענס פאר־פוצט אין די יום־טובדיגע קליידער. אסנת איז געווען א

שיינענדיגע און אַ גליקליכע. זי און לאה און די שוואַרץ חנ'עוודיגע דזשעני זיינען געווען די קאַמיטע, וואָס האָט געדאַרפט דעקאָרירען די שולע און פּאַרפּוצען זי מיט בלו־מען. אָבער לאה האָט ניט געוואָלט געהן אהין.

— דאָס איז דאָך נאַריש, — האָט אסנת איבער איהר גערעדט — מ'קען בלייבען אין הויז ווען ס'איז אַ מיטינג, אבער אין אזא טאָג ווי היינט ? מענשען וועלען דאָך רעדען.

לאה האט געוואוסט אז אסנת איז גע־רעכט, און אז אויסבאהאלטען זיך פון מענשען איז אן אוממעגליכע זאַך. אָבער דאָס הארץ איז איהר היינט געווען שווערער ווי אַלע מאָל, און שטומער ווי אלע מאָל, האָט זיך איהר געדאַכט, איז היינט געווען לייבע'ס בליק. עפּעס אזוי ווי ער וואָלט פאַרשלאָסען אין זיין הארצען אַ שווערען וועה־טאָג, וואָס קיינער, חוץ איהם, האָט עס ניט געקענט פיהלען און פאַרשטעהן.

אָהן חשק האָט זיך לאה אָנגעטאָהן אין איהר ווייס־זיידען קלייד, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון שטאָדט, און אין איהרע גאָלד־בלאָנדע האָר האָט זי אריינגעשטעקט עטליכע רויט־ווילדע בלימעלעך, וואָס לאָזאר האָט פאר איהר אָנגעריסען אויפ'ן פעלד. זי האָט אַ קוק געטאָהן אויף זיך אין שפּיגעל. אזוי ווי אַ כלה אין טאָג פון איהר חופה — אזא געדאַנק איז איהר דורכגעלאָפען דורכ'ן קאָפּ. אָבער איהר פּנים איז געווען בלאַס, מיט צוויי רויטליכע פלעקען אויף די באַקען. דער בליק פון די אויגען איז ווידער געווען אומרוהיג. דאָס הארץ האָט געהאַמערט און אין דער זייט האָט ווידער אַ שטאָך געטאָהן, אזוי ווי דעמאָלט, אין יענער נאַכט, ווען לילי איז אַוועקגעפאַלען. דערמאָנענדיג זיך אָן דעם קעלבעל'ס טויט, איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ מורא

און זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. זי האָט דייטליך גע־זעהן פאַר זיך יענע שרעקליכע סצענע, ווי לילי איז געבלי־בען ליגען ווי אַן אויפגעשוואָלענער בארג אינ׳ם שיין פון דער לבנה, מיט די דינע פיס פאַרריסען ארויף צו. זי האָט געפיהלט ווי דאָס קעלבעל קוקט אויף איהר מיט גרויסע, גלעזערנע אויגען, וואָס זיינען שטעהן געבליבען אויף איין אָרט, אזוי ווי עס האָט וואלט זי, לאה׳ן, שולדיג געמאַכט אין איהר יונגען טויט.

לאה האָט א שוידער געטהאָן און האָט א שטאַרקען טרייסעל געטאָהן מיט די פּלייצעס, אזוי ווי וועלענדיג פאַריאָגען פון זיך די שווער־אומעטיגע געדאַנקען. זי איז גיך ארויסגעלאָפען אויפ׳ן הויף. לייבע האָט איינגעשפּאַנט דאָס שפּאַציר־וועגעלע און אריינגעזעצט אהין די קינדער, וואָס זיינען געווען שעהן פאַרקעמט און יום־טוב׳דיג פאַר־פּוצט.

אויפ׳ן גרויסען פּלאַץ, ארום דער שולע, זיינען געווען אָנגעפאָהרען א סך פאַרמער־וואָגענס, פון וועלכע עס זיינען, איינס נאָך דאָס אַנדערע, ארויסגעקראָכען טאַטעס, מאַמעס און קינדער. די פערד האָט מען אויסגעשפּאַנט, צוגעבונדען הינטער׳ן וואָגען און געלאָזט זיי עסען פון דער היי, וואָס מען האָט פאַר זיי מיטגענומען. די שול־געביידע איז געווען פאַרפּוצט מיט פאָהנען, און אינוועניג זיינען איבער אַלע פענסטער געווען אויסגעהאנגען פריש־שמעקענדיגע פעלד־בלומען און ווייץ און האָבער זאנגען.

די פרויען זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צוגריי־טען „רעפרעשמענטס” פון לייכטע שפּייז פאַר׳ן עולם, און

די מענער האָבען גערויכערט, יום־טוב'דיג געשמועסט צווי־שען זיך און שטיל־סודות'דיג געוואָרפען בליקען אויף לאה'ן פון איין זייט, און אויף לאזאר'ען פון דער צווייטער זייט.

דער עולם האָט שטיל גערעדט צווישען זיך, אז בעסי וואָלט שוין לאַנג געווען צוריקגעקומען מיט די קינדער, נאָר לאזאר האָט איהר קיין געלד ניט געשיקט. אָט אפנים, אז איהם אַרט ניט זי זאָל זיין דאָרט וואו זי איז. דערביי האָט מען געקוקט אויף לאה'ן. נאָר מאָדנע איז געווען, וואָס קיי־נער האָט אויף איהר קיין שום שלעכט וואָרט ניט געלאָזט פאַלען. פאַרקעהרט, זיי האבען אזוי ווי רחמנות געהאט אויף איהר.

לייבע האָט זיך, ניט ווילענדיג, פאַרפּלאָנטערט אין דעם רעדעל פון די מענער. מ'האָט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און באשאָטען מיט פראגען:

— טאקע אמת?...

לייבע האָט געקוקט אויף זיי בייז און מיט האַס. ער האָט געפיהלט ווי א שפּיי טאָהן אויף זיי און אנטלויפען פון דאַנען. צולעצט האָט ער געפיהלט ווי עס ווערט איהם ענג אין האַלז און ער האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט דער גאַנצער פאַרביטערטקייט, וואָס האָט זיך זייט לאַנגע וואָכען אָנגע־זאַמעלט אין זיין הארצען:

— און אז יא. איז עס אייער זאַך?...

און אזוי ווי אַרויסכאַפּענדיג זיך פון א פייער, איז ער אַנטלאָפען פון זיי, און איז אוועק צו לאזאר'ען, וועלכער איז געשטאַנען פון ווייטענס און גערעדט מיט א קריסטלי־כען פאַרמער.

דער עולם איז געוואָרען אויפגעקאָכט: געהערט? הייסט עס דאך, אז ס'איז אמת. און אז ס'איז אמת, ווי קען מען

פאַרשווייגען אַזאַ זאַך? ווי דערלאָזט מען? אַ רחמנות אויפ׳ן מיידעל...

אסנת האָט דערשפּירט אַן אומרוהיגקייט. זי האָט אויפֿגעכאַפּט די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס האָבן זיך געטראָגען פון דעם מענערשען רעדעל און האָט אַוועקגענומען לייבע׳ן אַן אַ זייט:

— וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען?

— גערה פרעג זיי! — האָט לייבע זיך גע׳כעס׳ט.

ער איז אַליין אויך געווען אומרוהיג. אפשר האָט ער גאָר ניט באַדאַרפט זאָגען.

נאָר לאַזאַר איז צוגעקומען מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל, פון וועלכען מ׳האָט איצט ניט געקענט דערקענען, צי לאַכט ער פון עמיצען, אָדער ער באַהאַלט עפּעס אונטער דעם, און האָט זי באַרוהיגט.

— שרעקט זיך ניט. אסנת לעבען — האָט ער געזאָגט — זיי קאַכען זיך, זאָלען זיי זיך קאַכען.

— זיי וועלען זיך איינשטילען — האָט לייבע געזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַליין באַרוהיגען.

און אויף אַ ווייל האָט זיך געדאַכט, אַז דער עולם האָט זיך באמת באַרוהיגט. קליין האָט אַרונטערגעקייקעלט אַ היבש פעסעל ביער פון אַ וואַגען, און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָהן אַהין מיט קריגלעך און מיט גלעזער, און מיט קעז־„סענדוויטשעס" אין די הענט.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז לאה באמערקט ניט און ווייסט גאָר ניט וואָס עס קומט פאָר צווישען די מענער. אָבער אין דער אמת׳ען האָט לאה דאָ, צווישען עולם, נאָך מעהר דערשפּירט די אומרוהיגקייט, וואָס האָט זי געדריקט דעם גאַנצען פרימאָרגען. העלפענדיג די ווייבער אין זייער אַרבייט, רע־

דענדיג און שפּאַסענדיג מיט זיי, האָט זי מיט אַן אומרוהיגען בליק נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דרויסען, אַרום דער שולע. זי האָט באַמערקט ווי ליבע האָט זיך, אַ צע'כעס'טער, אַרויסגעריסען פון דעם מענערשען רעדעל, וואַרפענדיג מיט די הענט אין דער הויך; זי האָט געזעהן ווי ער איז אַוועקגעלאָפען צו לאַזאַר'ן, און ווי אסנת האָט איהם דערנאָך אַוועקגערופען אַן אַ זייט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט איינרעדען, אַז ס'איז גאָר ניט, און צום הונדערט־סטען מאָל האָט זי זיך אַליין געזאָגט, אַז קיינער ווייסט גאָר ניט, קיינער פאַרדעכטיגט גאָר ניט , און אַז קיינער זעהט אויף איהר קיין זאַך ניט, ניט די בלויע רינגען אַרום די אויגען; ניט די רויטליכע פלעקען אויף די באַקען, און ניט דאָס בלאַסקייט פון איהר פּנים. און פון דער נאָגעניש אין איהר האַרצען ווייסט דאָך אודאי קיינער ניט, און דאָס שטעכען וואָס שטעכט זי אָהן אַן אויפהער אין זייט, פיהלט דאָך אודאי קיינער ניט.

זי איז אַרויס פון דער שולע און איז געבליבען שטעהן אויפ'ן טרעפּעל, קוקענדיג אויפ'ן גרויסען פּלאַץ אַרום זיך, און אויף דעם צונויפגעפּאַרענעם עולם, וואָס האָט זיך גע־טומעלט אַרום דעם פּעסעל ביער. די זון האָט זיך אַרונטער־געלאָזען הינטער די מערב־בערג, טונקענדיג אין קופּער־רויט דאָס ברייטע פעלד און די הויכע באַרג־שפּיצען פון דער מזרח זייט. ביים האָריזאָנט האָבען זיך געקליבען, איינס אויף דאָס אַנדערע, לייכט־גרויע, וואָלקענס, און אַ קיהל ווינ־טעל האָט אַ ציה געטאָהן פונ'ם פעלד.

— ס'וועלען זיך אין גיכען אַנהויבען קיהלע נעכט — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָהן לעבען איהר. ס'איז געווען דער פאַרמער קליין. ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו לאה'ן,

אזוי ווי ער וואָלט איהר וועלען עפּעס זאָגען. אָבער לאה האָט זיך עפּעס מאָדנע דערשראָקען פאַר איהם און האָט זיך אַ דוק געטאָהן אויף צוריק.

— איז וואָס־זשע זאָגט איהר וועגען דעם פּלאַן וואָס איך האָב אייך געהאַט פאָרגעלעגט? — האָט קליין אַ פרעג געטאָהן. ער האָט אפשר גאָר ניט געמיינט מיט דער דאָ־זיגער פראַגע, אָבער לאה האָט דערפיהלט אזוי ווי עמיצער וואָלט זי אָפּגעגאָסען מיט קאַלט וואסער, און ביי איהר איז אויסגעקומען, אַז קלייז לאַכט פון איהר און שטעכט זי, ווען ער דערמאָנט זי איצט, אַז ער האָט מיט איהר אַמאָל גערעדט וועגען ווערען אַ אידישע לעהרערקע אין דער שולע. צי ווייסט ער דען ניט, קליין, אַז ס'האָט זיך עפּעס געענדערט אין די לעצטע צוויי חדשים?

זי איז אַרונטערגעגאַנגען פון'ם טרעפּעל, האָט זיך אַ מיש געטאָהן צווישען עולם און קליין איז ערגעץ פארשוואונ־דען געוואָרען פון איהר אויג. אָבער לעבען איהר איז מיט אַמאָל אויסגעוואקסען בענדער. ער האָט אָפּגעשוירען דאָס בערדעל לכבוד דעם היינטיגען יום־טוב, און האָט אָנגעטאָהן אַ פּאָר נייע ארבייטס הויזען. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט פון דעם ביער וואָס ער האָט געטרונקען, און אין דער האנד האָט ער געהאַלטען אַ שטיק שווארץ ברויט, פון וועלכען ער האָט געביסען מיט גרויסע, שארפע צייהן.

— איהר הערט, מיס לאה — האָט ער גערעדט צו איהר מיט אַ שטומפּיגער צונג, וואָס האָט זיך אלע ווײַלע פאַרטשעפּעט אָן די צייהן — מיר וועלען ניט לאָזען, אַז מען זאָל אייך, חלילה, עפּעס שלעכטס טאָהן.... מיר'ן ניט לאָזען.

בענדער איז געווען אַ פּשוט'ער מענש, אַ האָרעפּאַשניק, וואָס האָט, חוץ זיין שווערער ארבייט אויפ'ן פעלד, קיין זאַך

ניט געוואוסט, און מיט קיין זאך זיך ניט אינטערעסירט. לאה האָט איהם ליעב געהאַט פאר זיין פשוט'קייט און פאר זיין אָפענהערציגקייט, און איצט, בעת ער האָט געהאַט א ביסעל אין קאָפּ, האָט זי געפיהלט אזוי ווי א שפּאַס טאָהן מיט איהם:

— ווער וויל מיר דען שלעכטס טאָהן?

— חלילה, קיינער ניט, — האָט בענדער גענטפערט. — מיר ווייסען אַלץ. ער האָט אייך פאר־פיהרט... אָבער מיר'ן זיך אָננעהמען פאר אייך.... מיר'ן ניט דערלאָזען...

לאה איז בלאַס געוואָרען. איהרע קני האבען זיך א בויג געטאָהן און ס'האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אָט־אָט פאַלט זי אום פאר אַלע אין די אויגען. זי האָט געפּרובט א שמייכעל טאָהן, אָבער דער שמייכעל איז פארקילט געוואָרען אויף איהרע ליפּען. זי האָט זיך דערזעהן ארומגערינגעלט פון עטליכע צעהנדליג בענדערס, אַלע מיט גלאַנציגע אויגען פון ביער, און אַלע האָבען זיי זיך געצויגען צו איהר, געשטרעקט די הענט, אזוי ווי זי צו באַשיצען. זי האָט אין דער מינוט ניט געוואוסט קלאָהר, צי זיינען טאקע אַלע פארמערס שכור געוואָרען און זיינען זי באַפאַלען מיט זייער גוטסקייט, אָדער ס'האָט זיך איהר נאר אויסגעוויזען אזוי, און אז אין דער אמת'ען איז בלויז איין בענדער געשטאַנען לעבען איהר. זי האָט מיט אמאָל ארויסגעלאָזען א געשריי און זיך געלאָזען לויפען פון בענדער'ן, וועלכער איז געבליבען שטעהן פאר־וואונדערט, שאקלענדיג זיך אויף זיינע צוויי לאַנגע פיס.

— אהיים! אהיים! — האָט עס איהר געטומעלט אין קאָפּ, און וואו זי האָט זיך א קעהר געטאָהן האָט זי דערזעהן די זעלבע ביער־גלאַנציגע אויגען, און פון אַלע זייטען, האָט

זיך איהר אויסגעוויזען. שטרעקען זיך צו איהר הענט.

— ווער וויל זיי... ווער דארף זיי ! — האָט עפּעס געשריען אין איהר און מיט צושראָקענע אויגען האָט זי געזוכט אסנת'ען, לאזאר'ען אָדער לייבע'ן.

אָבער דער עולם האָט זיך אויסגעמישט פאר איהרע אויגען. אלץ איז געוואָרען ווי אין א נעבעל איינגעהילט. פון די בערג האבען זיך אנגערוקט טונקעלע נאכט־שאָטענס, וואָס האָבען אלץ פארשלונגען. זי האָט א רייב געטאָהן דעם שטערען און האָט א דערשראָקענע געקוקט ארום זיך. זי איז געוועזען אויפ'ן פעלד, און פון ווייטענס האבען צו איהר ארויסגעקוקט די באלויכטענע פענסטער פון דער שולע. זי האָט פארנומען דאָס פרעהליכע געזאנג, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דאָרט, און האָט געשווידערט.

קאַפּיטעל ניין

— איך מיין, לאה, אַז איהר וועט דאַרפען אוועקפּאַהרען פון דאַנען. — לאַזאַר האָט עס געזאָגט גאַנץ שטיל, אַראָפּבויגענדיג זיך איבער לאה׳ס בעט.

לאה האָט געפּיבערט. די פלעקען אויף איהרע באַקען זיינען רויטער געוואָרען, און די רינגען אַרום איהרע אויגען — נאָך בלויער ווי פריהער. די ברוסט איהרע האָט זיך אומרוהיג געהויבען אַרויף און אַראָפּ. די אויגען זיינען געווען פאַרמאַכט און די ליפּען — דין און פעסט צוזאַמענגעדריקט, און אָהן אַ טראָפּען בלוט. איצט האָט זי מיט אַמאָל געגעבען אַן עפען־אויף די אויגען און אַ קוק געטאָהן אויף לאַזאַר׳ען מיט אַ גרויליך־שפּיציגען בליק. די ליפּען אָבער זיינען, ווי פריהער, געבליבען געשלאָסען, און האָבען אַ וואָרט ניט אַרויסגעלאָזען. באַלד האָט זי צוריק פאַרמאַכט די אויגען און האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער וואַנט.

זי האָט דייטליך געהערט אסנת'עס שטימע. זי האָט גערעדט צו לאזאר'ען:

— ווי קען מען איצט רעדען פון פאָהרען? זי איז דאָך אזוי קראנק...

און לאזאר האָט געענטפערט:

— איך מיין, אז זי וועט זיין דאָ, וועט זי נאָך מעהר קראנק ווערען.

לאה האָט זיך א וואָרף געטאָהן אין איהר בעט, און דאָס הארץ האָט זיך א צאפּעל געטאָהן אין איהר ברוסט. ווי מאָדנע־פרעמד זיין שטימע האָט היינט געקלונגען צו איהר. עפּעס נאָר ניט דער זעלבער לאזאר וואָס זי האָט געקענט א גאנצען זומער צייט. היינט איז זיין שטימע געווען טרוקען און הארט, און האָט געקלונגען כמעט אומפריינדליך. צי וויל ער ניט אפשר פריי ווערען פון איהר?...

דער געדאנק האָט א ברען געטאָהן איהר מח. זי האָט ייד א הויב געטאָהן פון איהר בעט, אזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויפזעצען, אבער זי איז צוריקגעפאַלען אויפ'ן קישען. דאָס שטעכען איז דער זייט איז געוואָרען שאַרפער ביי יעדען ריהר.

זי איז געבליבען ליגען שטיל, האָט שווער געאָטהעמט, און מיט פארמאַכטע אויגען און מיט א פיבערדיגען מח האָט זי זיך צוגעהערט, אזוי ווי אין א האַלבען דרימעל, וואָס די ארומיגע האָבען גערעדט וועגען איהר. דערנאָך האָט זי דערפיהלט אסנת'עס ווייך־צאַרטע האנט. זי האָט איהר געגלעט די האָר און די באַקען, האָט איהר א קוש געטאָהן אויפ'ן שטערען און האָט ארויפגעצויגען די קאָלדרע ביז איהר האַלז.

וואו איז לאזאר אהינגעקומען? צי שטעהט ער נאָך

לעבען בעט, אָדער ער איז אוועקגעגאַנגען, ניט זאָגענדיג איהר אַפילו אַ גוטען טאָג? און אפשר האָט ער זיך געזעגענט מיט איהר און זי האָט עס ניט געהערט? זי האָט פעסטער צוגעדריקט די אויגען, ניט נאָכגעבענדיג זיך דעם פארלאַנג, אויסצודרעהען דעם קאָפּ און אַ קוק טאָהן אין דער זייט, וואו לאַזאר איז פריהער געשטאַנען.

אַ קעלט איז דורכגעלאָפען איבער איהר לייב. אין דרויסען איז געשטאַנען אַ סעפּטעמבער פרימאָרגען, קיהל און פייכט, און פון דעם כמאַרנעם הימעל האָט נאָכאַנאַנד געטריפט אַ קליינער, דריבנער רעגען. דאָס פעלד איז שווארץ געוואָרען, און די הויכע סטוינגען היי האבען געוויינט מיט קויטיגע רעגען־טראָפּענס, וואָס זיינען ארונטערגערונען פון'ם שפּיץ ביז העט־אונטען, צו דער ערד.

אַ וואָגען איז ארויפגעפאָהרען אויפ'ן הויף, און נאָכדעם איז עמיצער אריין אין שטוב, קלאַפּענדיג מיט שווערע שטיוועל. אסנת האָט זיך געבעטען:

— שטילער. זי איז נעבעך אַזוי קראַנק.

ס'איז געווען דער פּארמער קליין. ער איז פאַרבייגעפאָהרען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אריינגעקומען אויף אַ ווייַלע. מ'איז דאָך פאָרט היימישע מענשען, כמעט אייגענע, ניט אַזוי, האַ?

אסנת האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. יאָ, אודאי אַזוי. נאָר אין הארצען האָט זי זיך געשראָקען פאר דעם מר. קליינ'ס אומגעריכטען וויזיט. צופיעל האָט ער זיך די לעצטע צייט געמישט מיט די, וואָס האָבען אָפּענערהייט גענומען פארפאָלגען לאַזאר'ן. היינט וואָס וויל ער דאָ, פון איהר, דער דאָזיגער מר. קליין?

קליין האָט עפּעס גערעדט. שטיל און פארטרויליך, מיט

ווארימקייט אין דער שטימע. און וואָס מעהר ער האָט גע־רעדט, אַלץ מעהר האָט אסנת געפיהלט, אַז דאָס רעדט אַ פריינד, אַזעלכער, וואָס מיינט לאה'ס טובה. זי האָט איהם דערפאַר ניט איבערגעשלאָגען, נאָר האָט זיך צוגעהערט מיט אַ געמאַכט־רוהיגען שמייכעל אויף די ליפּען.

הייסט עס, אַז די דאָזיגע מעשה איז טאַקע פאַרט אמת? ער, קליין, האָט עס די גאַנצע צייט ניט געוואָלט גלויבען. ער האָט דאָך אַזוי פיעל געהאַלטען פון לאה'ן. דאָס הייסט, ער האַלט פון איהר איצט אויך. האָט ער דאָך דער ערשטער איהר פאַרגעלעגט צו ווערען די לעהרערין פון אידיש אין דער שולע... אמת, ער האָט דעמאָלט גאָר ניט געוואוסט, און דאָס, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער ניט געגלויבט... איצט אָבער, אַז לייבע אַליין זאָגט...

אסנת האָט געגעבען אַ שפּרונג־אויף פון'ם ביינקעל:

— וואָס אזוינס האָט ער דען געזאָגט, מיין מאַן? ער האָט גאָר ניט געזאָגט. גאָר ניט!

קליין האָט צונויפגעצויגען די אויגען און האָט אַ קוק געטאָהן אויף איהר אַזוי ווי דורך אַ שפּעלטעל.

— אַלץ איינס — האָט ער געזאָגט — אָבער די מעשה איז דאָך אמת!...

— ס'אַ ליגען! אַ ליגען! — האָט אסנת אַ געשריי גע־טאָהן, און האָט זיך באַלד אַליין פאַרכאַפּט, און האָט אָנ־געהויבען רעדען אויף אַ נידריגען טאָן. און איבערהויפּט ווייסט זי גאָר ניט, און וויל ניט וויסען וואָס מ'רעדט.... זאָל מען רעדען. ווענען ארט עס.

— זעהט איהר — האָט קליין געזאָגט — דאָס האָב איך זיך אויף אייך ניט געריכט... איהר זיינט דאָך אַ קלוגע, אַ פאַרשטענדיגע....

— איז וואָס? — האָט אסנת זיך געקאָכט.
— איז צו וואָס לייקענען? אַלע ווייסען דאָך דעם אמת.

און חוץ דעם, זי האָט גאָר איינגאַנצען אַ טעות, אסנת, ווען זי מיינט, אַז ער, קליין, האָט עפּעס אַ שלעכטע כונה מיט זיין קומען אַהער און מיט זיין רעדען צו איהר. חלילה, גראָד פאַרקעהרט. דאָס וויל ער דאָך פאַרהיטען זי, לאה'ן... ס'איז דאָך ניט קיין קליינינקייט. אַ מאַן פון אַ ווייב, אַ פאָ־טער פון קינדער... אַ פאָר פאַלק צעשיידט... אַ היים צעבראָ־כען... אָבער ער ווייסט, דאָס הייסט אַלע ווייסען, אַז ניט זי, לאה, איז שולדיג, נאָר ער... און דערפאַר טאַקע וויל ער. דאָס הייסט אַלע פון'ם דאָרף ווילען עס, באַשיצען זי, לאה'ן, אָננעהמען זיך פאַר איהר, אַרויסראַטעווען זי פון זיינע הענט... אַ רחמנות, אַן עלענד מיידעל... אַ וואויל מיידעל...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ גיכע באַוועגונג אינ'ם צווייטען חדר, און מיט אַן אויגענבליק שפּעטער איז לאה געשטאַנען פאַר זיי.

זי איז געוועזען ניט צום דערקענען. איהר פּנים האָט גע־גליהט פון אַ הויכען פיבער. דער אָטהעם איז געוועזען קורץ און שווער, און די אויגען, וואָס זיינען איצט געזעסען טיעף אין קאָפּ, זיינען געוועזען גרוי־נעבעלדיג און האַלב אויסגע־לאָשען. איהרע גאָלד־בלאָנדע האָר זיינען געוועזען צעוואָרפען איבער איהרע אַקסלען, און די נאַקעטע הענט, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון איהר דינעם כאַלאַט, האָבען אויסגעקוקט ווי דינע ביינער פון אַ טרוקענעם סקעלעט.

— גאָט איז מיט דיר, לאה! — האָט אסנת אויסגע־שריען — דו טאָרסט ניט אַראָפּגעהן פון בעט!

נאָר לאה האָט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט. מיט גליהענדע אויגען און מיט שוים אויף די בלאַס־פאַרטריקענטע

ליפּען, האָט זי זיך געוואָרפען צום פּאַרמער קליין:

— ווער בעט אייך איהר זאָלט זיך אננעהמען פאַר מיר? ווער דאַרף אייערע טובות? ווער האָט אייך געזאָגט, אַז עמיצער האָט מיך פאַרפיהרט? ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך וויל געראַטעוועט ווערען?

דאָס האַרץ איהרס האָט געקאָכט און די שטימע איז געווען הייזעריג און איז אַרויס פון איהר האַלז מיט אַ פּייף און מיט אַ גרילץ. קליין האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר פּנים, פאַר איהר אויסזעהען, און פאַר דעם כריפּען פון איהר האַרצען. ער האָט עפּעס גערעדט, געשטאַמעלט, זיך געוואָלט פאַרענטפערען, עפּעס ערקלעהרען, אָבער לאה איז אַריינגעפאַלען אין אַ היסטעריקע און אסנת האָט זי אַריינגעפיהרט צוריק אינ׳ם צווייטען חדר, און זי אַריינגעלעגט אין בעט.

דערנאָך, אַז זי האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט, האָט זי זיך געטוליעט צו אסנת׳ען און ניט אויפגעהערט צו וויינען:

— וועמען האָב איך שלעכטס געטאָהן? וועמעס היים האָב איך דען צובראָכען? איך האָב נאָר געוואָלט אַ טראָפּען גליק... אַ טראָפּעלע... איך האב צו קיינעם קיין טענות נים. אפילו ניט צו לאזאר׳ען. ער וויל איך זאל אוועקפאהרען, וועל איך אוועקפאהרען...

זי האָט מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט אסנת׳ען ביי ביידע הענט:

— יאַ, איך וועל פאָהרען! נאָך היינט! אַט באַלד! אָט שוין... סיי־ווי, מיין לעבען האָב איך פאַרשפּיעלט... פאַר מיר וועט שוין די זון ניט שיינען.

און וויפיעל אסנת האָט זיך דערנאָך ניט אָנגעשטרענגט זי צו באַרוהיגען — איהר מיה איז געווען אומזיסט. זי האָט

אפגעמאכט ביי זיך, אז זי פאָהרט, און שוין, טאַקע גלייך, היינט ביינאכט. און קיינער האָט שוין דעם געדאנק פון איהר ניט געקענט ארויסקלאפּען. — — — — — — — — — — — —
— —

דער אווענט איז צוגעפאלען פריהער ווי אן אנדער טאג. דער הימעל האָט זיך פארצויגען מיט שווערע, טונקעלע כמארעס, און א שארף ווינטעל האָט געבלאָזען פון די בערג. דער רעגען איז געהאנגען איבער'ן קאָפּ און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט א שווער־פייכטען נעבעל. לייבע איז געווען אויפ'ן הויף און האָט איינגעשפּאנט די פערד אין דעם גרויסען וואָגען, וואָס ער האָט אויסגעבעט מיט א סך היי, עס זאָל לאה'ן ווייך זיין צום זיצען.

אין שטוב האָט אסנת די קינדער געלעגט שלאָפען און האָט איינגעפּאקט אין א רענצעל לאה'ס נויטיגע זאכען. זי האָט געטאָהן איהר ארבייט שטיל, מיט א געזונקענעם קאָפּ און מיט א הארץ, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט ערגער־ניש און מיט ביטערקייט. לאה איז געווען אָנגעטאָהן צום פאָהרען. זי איז געזעסען ביים אויווען און האָט געציטערט מעהר פון אויפרעגונג ווי פון דעם פיבער, וואָס האָט איצט, קעגען נאכט, נאָך מעהר גענומען שטייגען.

לאזאר האָט זיך ארומגעדרעהט איבער דער שטוב אזוי ווי א פארשולדיגטער. ער האָט געפיהלט, אז לאה איז בייז אויף איהם און וויל אויף איהם ניט קוקען. דאָס הארץ האָט איהם שווער געדריקט, און צום סוף האָט ער ניט אויסגע־האַלטען און איז מיט לייכטע טריט צוגעגאנגען צו לאה'ן. ער האָט ארויפגעלעגט די הענט אויף איהר אקסעל. זי האָט א שוידער געטאָהן.

— ניט אזוי האָב איך געמיינט, לאה... — האָט ער זיך

געבעטען מיט א קול פון איינעם, וואָס איז פאַר'משפּט צום טויט — ניט היינט... ניט שוין... ניט איצט, ווען איהר זענט אזוי קראַנק...

זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיך אָנגעשטרענגט ניט פונאנדערצואוויינען זיך. אויף א ווײַלע האָט צוריק אויפגעלעבט אין איהר מח יענע שעהנע זומערצייט, וואָס איז אזוי גיך פאַרפלויגען, און ווידער האָט זיין קול זיס געקלונגען אין איהרע אויערען, און ווידער האָט זיין האַנט זי ווייך געגלאָסטשעט און געגלעט. ניין, לאזאר טייערער, איך בין ניט בייז, עס האָט דאָך אַנדערש ניט געקענט זיין. פריי-הער — שפּעטער... דער סוף האָט דאָך געמוזט קומען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט, האָט זיך א שאָקעל געטאָהן אזוי ווי א שכור'ע, און געקוקט ארום זיך מיט א פאַרנעבעלטען בליק. שאָקלענדיג זיך אויף די פיס איז זי אריין אין קינדער-צימער און האָט זיך שטיל אראָפּ-געבויגען איבער די שלאָפענדע קינדער. ווען זי איז ארויס-געקומען פון דאָרט, זיינען איהרע אויגען געווען רויט.

זי האָט אָנגעטאָהן דעם מאַנטעל. אסנת האָט זי ארום-געוויקעלט מיט א ווארימען שאַל. ס'איז אזא פייכט-קיהלע נאַכט און לאה פיבערט. זי זאָל כאָטש איבערפאָהרען בשלום. אזוי שוואך ווי זי איז... אזוי קראַנק ווי זי איז...

לאה האָט געפּרובט שמייכלען, און האָט אפילו גע-וואָלט זאָגען א שפּאַס. ס'האָט זיך איהר געוואָלט נאָך איינמאָל דערפיהלען דעם שטאַרקען פּולס פונ'ם לעבען, וואָס האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין איהר הארצען בעת איהר אָנ-קומען אהער. אבער די הענט איהרע האבען זיך אהנמעכ-טיגע אראָפּגעלאָזען, און פון די אויגען האָבען ווידער גע-נומען רינען ווארימע טרערען.

— זייט געזונט, לאזאר... זי האָט איהם אויסגעשטרעקט א הייס־פיבערדיגע האנט. לאזאר האָט די האנט שטארק גע־דריקט, אָפּגעפּרעסט איין קוש נאָכ'ן צווייטען און דערנאָך, מיט אימפּעט, א כאַפּ געטאָהן זי אין די ארעמס און זי הייס געדריקט צו זיך. אסנת האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ אָן א זייט, ווישענדיג איהרע אויגען.

לאה האָט געלאכט דורך פינקלענדיגע טרערען:

— איך בין ניט ברוגז, לאזאר... א דאנק פאר דער איינער רגע גליק.

לייבע האָט איהר געהאָלפען זיך ארייגזעצען אין וואָ־גען. אסנת האָט זי איינגעדעקט מיט ווארימע שאַלען, און האָט ארייגענומען איהר קאָפּ אין איהרע ארעמס.

— זיי געזונט, חבר'טע מיינע...

לאה האָט זי געקושט, אָפּגעלאָזט און זי ווידער גע־קושט, און אַלץ ניט געקענט זיך אוועקרייסען פון איהר: פאר וואָס, אסנת טייערע, האָט דאָס גליק מיינס געדויערט בלויז א רגע, און פארוואָס איז די רגע געווען אזוי קורץ?...

לאה האָט מיט פארוויינטע אויגען געקוקט אויפ'ן פעלד ארום זיך, און אויף דער שטאָל, וואו די שווארצע קוה מיט די געדרעהטע הערנער איז, ווי אַלע מאָל, געשטאַנען און האָט גע'מעלה־גירה'ט. זי האָט געווארפען א באטריבט־מוטנעם בליק אויף דעם גראָבען, וואו עס האָבען זיך געוואַל־גערט די ביינער פון איהר קעלבעל לילי, און מיט א דומפּען קרעכץ, אזוי ווי אַן אונטערגעהאקטער בוים, האָט זי א פאַל געטאָהן אין וואָגען, איינגראָבענדיג דאָס פּנים אין דער ווייכער היי.

לייבע האָט א טרייב געטאָהן די פערד. דער וואָגען האָט זיך געריהרט מיט א קרעכץ, ארויספאָהרענדיג לאנגזאם

פונ׳ם הויף און פארלירענדיג זיך אין דעם טונקעל פון דער פייכטער סעפטעמבער נאכט.

אסנת איז נאכגעלאפען ביז׳ן מיטען וועג, האט נאכגעפאכט מיט א טיכעל און זיך געווישט די אויגען.

לאזאר איז געבליבען שטעהן אליין, אין דער־מיט פון דעם גרויסען פארמער־הויף. זיין הארץ איז געווען פארקלעמט און שווער.